## שיחות ודברות קודש לפרשת כי תצא משנת תשע"ג לפ"ק

### במסיבת קבלת פנים בעת ביקורו של רבינו שליט"א במחנה עדת יראים

יום א' פרשת כי תצא תשע"ג לפ"ק - פארקסוויל

**עס** איז מיר א גרויס פארגעניגען, צו קומען באזוכען אין קעמפ, און זעהן דאס צופרידענקייט, וואס מען דערקענט אויף די פנימער פון די צאן קדשים, וואס פארברענגען דא א גאנץ זומער. איך הער ב"ה צוריק פון נאנטע, און פון פרעמדע, ווי שיין מען פירט זיך אויף דא אינעם קעמפ. די התמדת התורה, דאס שיינע דאווענען, און ווי מען האט פריער געהערט, ווי שיין עס איז די הייליגע שבתים דא אין קעמפ, וואס מען זאפט זיך אן אהבת תורה, און אהבת ה', און יראת שמים. און די ציל דארף זיין דאס מיטצונעמען אהיים. מען האלט שוין באלד ביים סוף פונעם זומער, ווען מען פארט אהיים, **און מען דארף זעהן אריבערצופירן צו זיך אין שטוב אינדערהיים, די אלע גוטע זאכען וואס מען האט זיך געפירט דא אין קעמפ. דער שבת קודש אין שטוב, דארף אויסקוקען אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט אין קעמפ. דאס דאווענען שבתים און ימים טובים, אפילו מען איז נישט צוזאמען, נאר מען דאווענט פאר זיך, דארף מען זיך שטענדיג פארשטעלן, ווי אזוי מען האט געדאווענט אין קעמפ, און אזוי זאל מען עס ווייטער ממשיך זיין.**

**די** וואך אין די פרשה, ווערט ארויסגעברענגט די חשיבות, פון די יונגע יארען, וואס קינדער האבען. די תורה הק' האט געהייסען, אז א בן סורר ומורה דארף מען הרג'ענען. וואס איז געווען די עבירה פון דעם בן סורר ומורה, אז די תורה האט אים מחייב געווען מיתה. א בן סורר ומורה איז א יונג קינד, קוים בר מצוה געווארען, און ער איז געגאנגען, און ער האט צוגענומען געלט פונעם טאטען אין שטוב. ער האט געעפענט דאס לעדל, און ארויסגענומען א דאלער, אדער צוויי דאלער, און מיט דעם איז ער געגאנגען אין געשעפט, און ער האט זיך געקויפט א גלעזל וויין, און א שטיקל סענדוויט"ש מיט פלייש, און ער האט עס אויפגעגעסן. האט די תורה געזאגט, אז פאר דעם קומט אים, אז מען זאל אים הרג'ענען. דאס איז נישט אזא עבירה, וואס מען איז חייב מיתה. מען טאר טאקע נישט גנב'ענען, און מען טאר נישט צונעמען יענעמס געלט, אבער ווען א מענטש גנב'ט פון א צווייטען, איז ער נאכנישט חייב מיתה. אבער א בן סורר ומורה, האט די תורה יא מחייב געווען מיתה.

**און** רש"י זאגט, ווייל ירדה תורה לסוף דעתו. **די תורה האט געוואוסט, אז א יונג קינד, ווען ער הייבט אן צו גיין אויף א נישט ריכטיגען וועג, וועט עס זיך נישט אפשטעלן ביי דעם. ווייל ער געוויינט זיך צו, אז ער דארף אלעס האבען. און אז ער האט נישט, נעמט ער צו פון א צווייטען. און דער סוף וועט זיין, אז ער וועט עלטער ווערן, און גרעסער ווערן, און ער וועט אויסוואקסען א גנב, און א גזלן, און ער וועט הרג'ענען מענטשען.** האט די תורה געזאגט, ימות זכאי ואל ימות חייב. ענדערש נעם אים אוועק פון די וועלט, ווילאנג ער איז נאך ערליך, ווילאנג ער פירט זיך נאך אויף, ווי מען דארף. איידער ער זאל שפעטער צוקומען צו אזא מצב.

**אין** די גמרא (סנהדרין עא.) איז דא א דעה, אז די פרשה פון בן סורר ומורה, איז קיינמאל נישט געווען. עס האט אזויפיל פרטים, אז מען קען נישט צוקומען, אז מען זאל עס מקיים זיין בפועל. אבער דרוש וקבל שכר, די תורה האט אונז געגעבן די פרשה, אז א יוד זאל עס דרש'ענען, און זיך מתבונן זיין אין די פרשה, און באקומען שכר. וואס דארף מען דרש'נען אין די פרשה, וואס דארף מען ארויסנעמען פון די פרשה. **פון די פרשה דארף מען ארויסנעמען, אז ווי אזוי מען טוט זיך צוגרייטען, און ווי אזוי מען געוויינט זיך צו אין די יונגע יארען, מיט דעם וועט מען בלייבען שפעטער.** אז מען געוויינט זיך אלס קינד, צו נעמען יענעמס א זאך, נאכצוגיין נאך די תענוגים, ווייל ער וויל א שטיקעל פלייש מיט א גלעזל וויין, גנב'ט ער ביי א צווייטען, און ער

קויפט דאס וואס ער וויל. זאגט די תורה, ער וועט נישט בלייבען ביי דעם. ער וועט שפעטער אויסוואקסען א רויבער, און א רוצח. און מען זאל אים באצייטענס אוועקנעמען פון דער וועלט.

**און** מדה טובה איז מרובה ממדת פורעניות (שם ק:), **ווען מען הייבט זיך אן צו געוויינען ווילאנג מען איז יונג, זיך צו פירן ערליך, צו גיין על דרכי התורה. אז מען קען נישט אלעס האבן, און מען דארף נישט אלעס האבן. און אז איך האב עס נישט, נעמט מען נישט צו פון א צווייטען. יעדער האט זיך זיינס, וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן אויף דער וועלט. און מיט דעם טוט מען זיך געוויינען, ווילאנג מען איז יונג. דעמאלטס וואקסט מען אויס ערליך.** די תורה האט אונז געגעבן די פרשה, דרוש וקבל שכר, דרש'ן די פרשה. ווען מען לערנט חומש און רש"י פון די פרשה, זאל מען זיך אפשטעלן, און טראכטען אויף זיך אליין, אז ווי אזוי מען פירט זיך אין די יוגנט, מיט דעם וועט מען בלייבען שפעטער. אז דו וועסט דרש'ן די פרשה, וועסטו מקבל זיין שכר, אז דו וועסט נעמען אויף דיר עבודת ה', ערליך און ערנסט.

**ב"ה** מען געפונט זיך אין קעמפ, און מען האט געהאט א פיינעם זומער, מען האט אריינגעלייגט אזויפיל אהבת תורה, ווי מען האט פריער געהערט. סיי אין די צייטען וואס מען זיצט און מען לערנט, און סיי אין די פרייע זמנים. ב"ה, מען האט מיר געגעבן א צעטל פון אזויפיל שעה'ן וואס די קינדער האבען געלערנט אין די פרייע צייט. מען דארף נישט אויף דעם קיין שכר, מען דארף זיין גליקלעך, אז מען האט געהאט שכל אויסצונוצען די פרייע צייט וואס מען האט, און אוועקגעבן פאר תורה.

**עס** קומט א נייער יאר. יעדער איז מתפלל, און מען בעהט פונעם אייבערשטען, אז מען זאל מצליח זיין איבערן יאר. מען זאל קענען שטייגען אין תורה, און אין עבודת ה'. והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצותך, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך. **דער עיקר פון א יוד איז, לייחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך. ליב האבען דעם אייבערשטען, ליב האבען די דרכי התורה, און זיך פירן ערליך. און אויף דעם דארף מען אסאך מתפלל זיין, און אסאך בעטן, ווילאנג מען איז יונג, נישט צו פארפאסען די יונגע יארען. אז מען האט די יונגע יארען, דעמאלטס האט מען דאס גאנצע לעבן שפעטער.**

**יעדע** זאך ווענדט זיך אין די התחלה, ווי אזוי מען הייבט עס אן. ביי א יאר איז אויך דאס זעלבע. אין אנהייב פון די יאר איז ראש השנה, און מען זיצט א גאנצען טאג אין בית המדרש, און מען דאווענט. נאכדעם קומט עשרת ימי תשובה און יום הקדוש. ווייל יעדער אנהייב, אז מען הייבט עס אן ערליך, אז מען הייבט עס אן, אויף א וועג וואס עס קומט זיך, האט עס א כח אויף א גאנץ יאר שפעטער. זאל דער אייבערשטער געבען, אז מען זאל קענען אויסנוצען די צייט פאר תורה און עבודת ה'. מען זאל שטייגען, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען. און מיר זאלען אלע זוכה זיין, צו האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר. און אינאיינעם אקעגן צו גיין, משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

## דברי חיזוק והתעוררות לפני ימי הרחמים והסליחות

יום ב' פרשת כי תצא תשע"ג לפ"ק - בבית מדרשנו התאחדות אברכים, מאנסי

**לא** חודש היום ולא שבת היום (מלכים ב ד-כג), עס איז נישט קיין שבת, און עס איז נישט קיין ראש חודש, עס איז נישט קיין זמן פון דרשות, נאר מען האט מיר געבעטן, אז איך זאל רעדן אפאר ווערטער, לכבוד די טעג פון חודש אלול אין וואס מיר שטייען. ווען עס קומען די טעג איז יעדע יודישע הארץ אפען צום אייבערשטען, מען דארף נאר וויסען, ווי אזוי אויסצונוצען די טעג פאר עבודת ה'.

**די** וועלט זאגט נאך פון **רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל**, אז ווען עס איז געקומען חודש אלול, איז

ער געווען אויס מענטש, ער איז געווען אזוי פארדאגה'ט, און ארומגעגאנגען אן א קאפ, און מען האט נישט געקענט צו אים רעדן. האט מען אים געפרעגט, פארוואס ער איז אזוי צוטראגען. האט ער געזאגט, וואס איז טייטש, עס קומט דער יום הדין, מען שטייט פאר א משפט, און א נארמאלער מענטש, ווען ער שטייט פאר א משפט, אפילו ער האט נאר סתם א קאר"ט קעי"ס וכדומה, זוכט ער א לאויע"ר, און ער זוכט וואס ער קען טון, און וואס ער קען אנווענדען זכותים. און יעצט שטייט מען פאר א משפט, וואס מען איז דן דעם מענטשנ'ס לעבן, מיט די ווייב, און די קינדער, און די פרנסה, מיט אלעם. וואס איז די קשיא, פארוואס איך האב אזא פחד.

**האט** מען אים געזאגט, אז מען פארשטייט אז ער האט מורא, אבער דער חודש אלול איז דאך נישט קיין בער, אדער א לייב, וואס מען זאל דארפען אזוי ציטערן פאר אים. האט **רבי ישראל סאלאנטער** געזאגט, אז מען זעהט ביי דוד המלך, אז ער איז געווען א גיבור, און ער האט געזאגט, גם הארי ואת הדוב הכה עבדך (שמואל א יז-לו). ער איז געווען א פאסטוך ביי די שעף פונעם פאטער, און עס איז געקומען א לייב, האט ער נישט מורא געהאט פונעם לייב, נאר ער האט אים געגומען, און ער האט אים צוריסען. פונדעסטוועגן דאך, ווען עס איז געקומען צום יום הדין, האט ער געזאגט, סמר מפחדך בשרי, וממשפטיך יראתי (תהלים קיט-קכ). דו זאגסט אז חודש אלול איז נישט קיין לייב, און נישט קיין בער. אפילו דער וואס האט נישט מורא געהאט פון א לייב, און פון א בער, פונדעסטוועגן דאך 'ממשפטיך יראתי', פון חודש אלול, האט ער געהאט א פחד.

*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידך ושבית שביו (דברים כא-י). מען ווייסט אז משנה תורה האט א המשך, במשנה תורה דרשינן סמוכין (ברכות כא:). די סוף פון די פריערדיגע פרשה ענדיגט זיך מיט די פרשה פון עגלה ערופה. אז אויב מען האט געטראפען א מענטש וואס מען האט געהרג'עט, און מען ווייסט נישט ווער עס האט אים געהרג'עט, האבען די זקני העיר געדארפט ברענגען א עגלה ערופה, און מען האט מתפלל געווען אז עס זאל נישט שאטען. און די תורה ענדיגט, ואתה תבער הדם הנקי מקרבך, דו זאלסט זעהן מבער צו זיין דעם דם הנקי פון דיר, כי תעשה הישר בעיני ה' (שם כא-ט), ווען דו וועסט טון, וואס איז רעכטפארטיג אין די אויגען פונעם אייבערשטען. און רש"י טייטשט, אז דער פסוק קומט צו זאגען, אז טאמער נאכדעם וואס מען האט געטון די מצוה פון עגלה ערופה, האט מען געטראפען דעם רוצח. זאגט מען נישט, אז ער האט שוין געהאט א כפרה, מיט דעם וואס מען האט געברענגט די עגלה ערופה. נאר אפילו הכי, ואתה תבער הדם הנקי מקרבך, מען זאל הרג'ענען דעם רוצח, און דאס איז ישר בעיני ה'.

**עס** שטייט אין **בינה לעתים** (ח"ב דרוש ב' לאלול), א מענטש קען אמאל מיינען, אז ער איז א ווארילער יוד, און ער איז ווייט פון צו זיין א רוצח. ער הרג'עט נישט אפילו א פליג. אבער דער אמת איז, אז עס איז דא צוויי ערליי לעבנ'ס אינעם מענטש. עס איז דא א גוף, און עס איז דא א נפש. אז מען הרג'עט א גוף פון א מענטש, איז עס חיי שעה. ווילאנג לעבט א מענטש, זיבעציג יאר. און אז מען האט אים אוועקגענומען דאס לעבן, האט מען פון אים אפגעשניטען לעבן פון זיבעציג יאר. און אפילו מען האט אים געהרג'עט, איז ער אבער זוכה שפעטער צו חיי עולם הבא. ווען א מענטש הרג'עט אבער זיין נשמה, מיט דעם וואס ער דינט נישט דעם אייבערשטען, ווי עס דארף צו זיין. האט ער זיך געהרג'עט לנצח נצחים. און עס האט נישט קיין שיעור, ווייל רוחניות איז א זאך וואס האט נישט קיין ענדע, און עס ווערט נישט געמאסטען אין קיין יארען.

**ווען** א מענטש האט אנגעברענגט זיין לעבן, ער האט זיך אפגעלעבט זיינע יארען אויף דעם עולם, און ער האט עס נישט אויסגענוצט צו דינען דעם אייבערשטען, דאס איז א מיתה.

רשעים בחייהם קרויין מתים (ברכות יח:). און דאס איז א מיתה נצחיות, וואס מען קען דאס שפעטער נישט מתקן זיין. במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.). אמאל דאכט זיך פאר א מענטש, אז ער האט מיט רציחה גארנישט, און ווען ער זאגט ווידוי, און ער רעדט דארט פון רציחה, איז עס נישט נוגע פאר אים, ער איז נישט א רוצח. אבער אמאל קען זיין, אז ער איז יא א רוצח. דו הרג'עסט נישט קיין פרעמדען, אבער דו הרג'עסט דיך אליין. אויב דאס לעבן פון א יוד איז נישט אזוי ווי מען דארף זיך אויפפירען, איז ער א רוצח אויף זיך.

**און** אז מען זעהט, אז די תורה האט אזוי מקפיד געווען אויף א לעבן פון א מענטש. אז טאמער מען ווייסט נישט ווער עס האט אים געהרג'עט, האט די תורה געהייסען, אז מען קען נישט איבערלאזען די זאך סתם אזוי, און מען מוז האבען דערויף עפעס א כפרה. און אפילו דו האסט נישט קיין שום שייכות דערצו, דארף מען ברענגען א עגלה ערופה. דארף זיך א מענטש אראפלערנען דערפון, אז אויב די תורה איז חס אויף א מענטש וואס איז נאר חיי שעה, וויפיל דארף א יוד חס זיין אויף זיך אליין, אז ער זאל נישט זיין א רוצח אויף זיך אליין, וואס דאס איז א מיתה נצחית.

**ווען** די תורה ענדיגט די פרשה פון עגלה ערופה, זאגט די תורה, 'ואתה תבער', דו זאלסט זעהן מבער צו זיין, 'הדם הנקי', דאס ריינע בלוט, 'מקרבך' פון דיר אליין, אז דו זאלסט עס נישט פארגיסען. וואס איז די עצה דערויף, 'כי תעשה הישר בעיני ה'', ווען דו וועסט טון וואס איז ישר בעיני ה', דעמאלסט וועסטו מבער זיין, דעם דם הנקי מקרבך. ווען א יוד טוט וואס איז ישר בעיני ה', ער לעבט ערליך, ער לערנט און ער דאווענט, ער טוט די מצות פונעם אייבערשטען, און ער היט זיך אפ פון א עבירה, דאס איז זיין חיי נצחיים, וואס מיט דעם לעבט ער שפעטער לעולם הבא.

*

**די** משנה (אבות א-יד) זאגט, 'אם אין אני לי מי לי', אויב איך וועל נישט זיין פאר מיר, ווער וועט זיין צו מיר. 'וכשאני לעצמו', און איך פאר מיר אליין, 'מה אני', וואס בין איך, 'ואם לא עכשיו', און אויב דו וועסט דיך נישט יעצט נעמען, 'אימתי', ווען וועסטו זיך יא נעמען. זאגט דער הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו), די גמרא (סוכה נה:) זאגט, 'יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום', די יצר פונעם מענטש איז זיך מתגבר אויף אים טאג טעגליך, 'ואלמלא הקב"ה עוזרו', און ווען דער אייבערשטער זאל אים נישט העלפען, 'לא היה יכול לו', וואלט ער אים נישט געקענט בייקומען. דער יצר הרע איז נישט קיין מענטש, דער יצר הרע איז א מלאך. ווער קען זיך שלאגען מיט א מלאך, דער מלאך האט דעם מענטש אין די האנט, און ער קען מיט אים טון וואס ער וויל. שנאמר צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו (תהלים לז-לה), דער יצר הרע וואס ווערט אנגערופען א רשע, זוכט דעם צדיק, און ער וויל אים הרג'ענען. אבער ה' לא יעזבנו בידו, דער אייבערשטער היט דעם מענטש, אז ער זאל נישט אריינפאלען אין די הענט פונעם יצר הרע.

**און** די גמרא זאגט (שם), אז לעתיד לבוא וועט דער אייבערשטער נעמען דעם יצר הרע, און ער וועט אים שחט'ן. לכאורה, וואס איז שולדיג דער יצר הרע אז מען גייט אים שחט'ן. ער האט געטון זיין ארבעט, מען האט אים אויף דעם באשאפען. זאגט די גמרא (שם נב.), ווייל מען האט א תביעה אויף דעם יצר הרע, אז ער לאזט איבער אומות העולם, און ער גייט נאר צו יודען. דער יצר הרע איז נישט געמאכט געווארען נאר פאר יודען, ער איז געמאכט געווארן פאר אלע מענטשען פון די וועלט. זיי האבען אויך זייערע מצות. און דער יצר הרע לאזט איבער אומות העולם, זיי אינטערעסירט אים נישט קיין סאך וואס זיי טוען. מיט אונז איז ער פארנומען, צו זעהן ווי נאך ער קען אונז מכשיל זיין מיט א חטא. ווייל דא וועט ער עפעס פארדינען, אז ער וועט מדחה זיין א יוד פונעם אייבערשטען.

**און** נישט נאר ביי פשוטע יודען, כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו, ובתלמידי חכמים יותר

מכולם (שם). פאר א יעדע בלאט גמרא וואס מען קען מער, באקומט מען נאך א שטיקעלע יצר הרע, וואס האט א כח זיך מתגבר צו זיין אויף א מענטש. און די עבודה פון א יוד איז, זיך צו שלאגען מיט דעם יצר הרע. עס איז טאקע א שווערע מלחמה, את נורא ואנא בישרא (קידושין פא.), די יצר הרע איז פייער, און דער מענטש איז נישט מער ווי א בשר ודם. אבער א יוד דארף זיך שלאגען מיטן יצר הרע טאג טעגליך.

**וועט** א מענטש זאגען, אויב איך קען ממילא נישט מנצח זיין דעם יצר הרע, און מען איז אנגעוויזען אויף עזר אלקים. זאל דער אייבערשטער אליין פירן די גאנצע מלחמה, איך קען דאך ממילא נישט אליין טון. ניין, דער אייבערשטער טוט נאר 'צוהעלפען'. **ווען א יוד וויל, און ער פראבירט וואס ער קען, נאר ער האט נישט קיין כח זיך מתגבר צו זיין, גיט דער אייבערשטער צו די הילף. אבער ווען א מענטש לאזט עס איבער פארן אייבערשטען, וועט אים דער אייבערשטער נישט העלפען, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע.** די גמרא זאגט, אלמלא הקב"ה 'עוזרו', דער אייבערשטער העלפט אים. אז דו טוסט, איז דא א הילף פונעם אייבערשטען. הבא ליטהר מסייעין אותו (יומא לח:), ווען א מענטש קומט זיך מטהר זיין, באקומט ער א סיוע. אבער ער קען זיך נישט פארלאזען, אז דער אייבערשטער וועט פירען זיינע מלחמות.

**אבער** נאכדעם וואס דער אייבערשטער העלפט, און מען איז יא מנצח דעם יצר הרע. דארף א יוד וויסען, אז עס איז נישט זיינע כוחות, נאר ער האט עס באקומען פונעם אייבערשטען. אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו, פון דיר אליין, וואלסטו אים נישט געקענט בייקומען. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, דאס מיינט דער תנא צו זאגען, 'אם אין אני לי', ווען א מענטש וועט זיך נישט נעמען פאר זיך אליין, ער זאל זיך גיין שלאגען מיטן יצר הרע. זאל ער וויסען 'מי לי', וועט אים קיינער נישט צו העלפען. מען איז נישט מסלק דעם יצר הרע, נאר אויב ער טוט אליין. 'וכשאני לעצמי', נאכדעם וואס ער האט יא בייגעקומען דעם יצר הרע, דארף ער וויסען, אז אויב איך וואלט געוווען פאר מיר אליין, 'מה אני', וואלט איך נישט געקענט. עס מוז זיין א סיוע פונעם אייבערשטען.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, 'כי תצא למלחמה על אויביך', ווען דו וועסט אליין ארויסגיין אין א מלחמה על אויביך, 'ונתנו ה' אלקיך בידך', וועט דער אייבערשטער דיר העלפען. אויב דו וועסט נישט אליין ארויסגיין, נאר דו וועסט דיר פארלאזען, אז פון הימל וועט מען דיר העלפען. פון הימל העלפט מען נישט, נאר ווען דו טוסט דיינס. ווען א יוד וויל זיך פירען ערליך, איז דא סיוע פונעם אייבערשטען, אז מען זאל זיך קענען מקרב זיין צום רבונו של עולם.

*

**די** וועלט זאגט, אז פון חודש אלול ביז נאך יום הקדוש, איז דא פערציג טעג. דרייסיג טעג אין חודש אלול, און צען טאג אין חודש תשרי. און דאס זענען די חשובסטע טעג וואס איז דא אינעם יאר, עס איז א זמן פון א עת רצון. וואס מיינט א עת רצון? א עת רצון מיינט, אז אויבען אין הימל איז מען זייער נאנט צום מענטש. און מיט א קלייניגקייט וואס מען בעהט, קען מען פועל'ן. ווען מען קומט אריין צו א מענטש, און מען דארף א טובה, אויב ער איז אין א גוטע גוסטע, קען מען ביי אים אלעס באקומען. אויב ער איז אנגעצויגען, דארף מען אסאך רחמים, אז מען זאל זיך קענען מיט אים אדורכקומען.

**אין** די טעג פון חודש אלול, איז מען אין הימל אין א גוטע גוסטע. עס איז ימי רצון. משה רבינו איז דעמאלטס ארויפגעגאנגען אין הימל, און ער האט צוגעברענגט, אז דער אייבערשטער זאל מוחל זיין אויפן חטא העגל. איז די טעג געווארן א עת רצון אויבן אין הימל. און יעדער יוד וואס וויל זיך מקרב זיין צום אייבערשטען, קומט עס אים אן גרינגער אין די טעג, מער פון א אנדערע מאל. דאס איז אין חודש אלול. פון עשרת ימי תשובה רעדט מען שוין נישט, דרשו ה' בהמצאו

קראוהו בהיותו קרוב (ישעיה נה-ו), אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים (ר"ה יח.). און דער אייבערשטער איז בהמצאו, נישט נאר עס איז א עת רצון, נאר ער גייט ארויס פון זיין גבול, ער קומט צו אונז, דא בין איך. ווילסט דיך מקרב זיין, איך בין גרייט דיר אנצונעמען. די פערציג טעג זענען די שענסטע טעג אינעם יאר. און דאס איז ל"י, למ"ד איז די דרייסיג טעג פון חודש אלול, און יו"ד איז די צען טעג פון עשרת ימי תשובה. א יוד דארף וויסען 'אם אין אני ל"י', ווען עס קומט חודש אלול און עשרת ימי תשובה, אויב ער נעמט זיך נישט אליין אין די האנט, 'מי לי', קיינער וועט אים נישט ארויסהעלפען. א יוד דארף זיך נעמען אין די הענט אריין, און טון וואס ער קען.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** גיט צו, און ער זאגט, אז דער תנא ענדיגט, 'ואם לא עכשיו אימתי'. א מענטש זאל נישט אפשטופן אויף שפעטער. חודש אלול איז א לאנגער חודש, איך האב צייט סליחות. איך וועל שוין אנקומען, צו די ימי הרחמים. און אינעם לעבן פונעם מענטש טוט ער אויך אזוי. שמח בחור בילדותך ויטיבך לבך בימי בחורותיך (קהלת יא-ט), ער וועט אי"ה ווערן אמאל ערנסט, אבער אין א פאר יאר ארום. א יוד דארף וויסען, אז דאס איז נישט קיין חשבון. איינס, ווייל יעדן טאג איז א שאד. א יעדן טאג דארף מען זיין א עובד ה'. און נאכדעם, א מענטש ווייסט קיינמאל נישט, וואס דער מארגען וועט זיין. ווייסט ער צו ער וועט מארגען לעבן. ווייסט ער צו ער וועט מארגען נישט זיין ערגער פון וואס ער איז היינט. וויפיל איז דא וואס זיי זענען נישט אין די זעלבע מדריגה, וואס זיי זענען געווען מיט א יאר צוריק, און מיט צוויי יאר צוריק. 'אם לא עכשיו', אויב דו וועסט דיך נישט יעצט נעמען אין די הענט אריין. פארלאז דיר נישט אויף שפעטער, 'אימתי', דו קענסט קיינמאל נישט וויסען, ווען דו וועסט צוקומען דערצו.

**איך** האב שוין אסאך מאל גערעדט, אז עס האט אין זיך נאך א נקודה, די גמרא (ע"ז יט.) דרשנ'ט, אשרי איש ירא את ה' (תהלים קיב-א), פרעגט די גמרא, אשרי איש ולא אשרי אשה. ענטפערט די גמרא, אשרי איש, ווען ער איז זיך מקרב צום אייבערשטען, ווען ער איז נאך א איש. ווען ער איז נאך יונג. ווען ער איז נאך ביי די כוחות. וואויל איז אים ווען ער איז א ירא את ה', ווען ער איז נאך א איש.

**וואס** איז די מעלה פון אשרי איש ירא את ה'? עס איז דא דערין א געוואלדיגע מעלה. דער אייבערשטער איז מקבל בתשובה שטענדיג, די גמרא זאגט (קידושין מ:) אפילו ביום מותו. א מינוט בעפאר ער שטארבט, ער ליגט אויפן קראנקען בעט, ער האט שוין נישט קיין כח צו טון עבירות. און ער הייבט אן זיך צו מאכען א חשבון, ווי אזוי איז מיין לעבן אדורכגעגאנגען, וואס האב איך דא אפגעטון, אנגעברענגט מיין לעבן מיט גארנישט. ער איז משים לב, און ער טוט תשובה. איז דער אייבערשטער מקבל זיין תשובה אפילו די לעצטע מינוט אויך. עד יום מותו תחכה לו.

**וואס איז דער חילוק, צו ער טוט תשובה ווען ער איז נאך יונג, צו ער טוט תשובה אויף די עלטער? אמת, ער קען טאקע תשובה טון אויף די עלטער, און מען וועט אים מוחל זיין אויף אלע זיינע עונות וואס ער האט געטון. אבער וואס איז געווארן מיט זיין שטוב, וואס ער האט זיין גאנץ לעבן געפירט א שוואכע שטוב. וואס איז מיט זיין ווייב, וואס איז מיט זיינע קינדער, וואס איז מיט זיינע אייניקלעך. מיט דעם וואס ער טוט תשובה די לעצטע מינוט אויפן קראנקען בעט, פון דעם וועלן זיין ווייב און קינדער גארנישט בעסער ווערן. אז מען האט זיי נישט מחנך געווען אין די יונגע יארן ווי עס דארף צו זיין, האט ער פארלוירען זיינע דורות.** עס איז היינט דא אין ארץ ישראל הונדערטער און הונדערטער בעלי תשובה, וואס מען ווערט א בעל תשובה אין די שפעטער'דיגע יארן. ער איז טאקע געווארן א בעל תשובה, אבער זיין שטוב קען ער נישט איבערדרייען. **ווען ער טוט זיך אבער מקרב זיין צום אייבערשטען, ווען ער איז יונג, בשעת די קינדערלעך זענען נאך אין שטוב,**

**און מען האט א ערליכן טאטע, און דאס קינד זעהט ווי אזוי דער טאטע לערנט און דער טאטע דאווענט. ווען ער טוט מצות און מעשים טובים, בויט ער אויף א שטוב פון תורה. ער בויט אויף קינדער וואס וועלן שטענדיג זיין צוגעבינדען צו תורה. דאס קען מען נישט האבען, נאר ווילאנג מען איז נאך א איש. נאר ווען א יוד איז זיך מקרב צום אייבערשטען, ווילאנג ער איז יונג.**

**אשרי** איש ירא את ה', וואויל איז דעם מענטש וואס ער איז זיך מקרב צום אייבערשטען, כשהוא איש. וואס איז די מעלה פונעם איש? מען קען דאך שפעטער אויך נאנט ווערן צום אייבערשטען. 'גבור בארץ יהיה זרעו, דור ישרים יבורך', כדי מען זאל האבען ערליכע קינדער, כדי די קינדער זאלען אויך קענען גיין אויף דעם וועג, עס זאל קענען זיין גבור בארץ יהיה זרעו. איזהו גבור הכובש את יצרו (אבות ד-א), דאס קען נישט זיין, נאר ווען ער טוט תשובה ווען ער איז יונג. און אויף דעם זאגט די משנה 'ואם לא עכשיו', אויב דו וועסט נישט אנהייבען יעצט, 'אימתי', וואס וועט זיין שפעטער. דו קענסט תשובה טון שטענדיג, אבער אז דו ווילסט האבען א ערליכע שטוב, דאס קען מען נאר מקיים זיין, ווילאנג מען איז יונג.

*

**און** דער פסוק ענדיגט, ושבית שביו, דו זאלסט פאנגען זיין געפענגעניש. ווען מען רעדט פון מלחמת היצר, האט 'ושבית שביו' אויך צו טון מיט מלחמת היצר. אין הייליגע ספרים שטייט, א יוד דארף זיך אפלערנען די טאקטיק פונעם יצר הרע, ווי אזוי ער טוט צוברענגען דעם מענטש צו זיין וועג. און נעמען דעם דרך אויף עבודת ה'.

**די** ביאור דערפון איז, דער יצר הרע טוט קיינמאל נישט צורעדן א מענטש ער זאל אנהייבען זיך אראפצוגליטשען פונעם וועג, און ווערן א מחלל שבת, און א אוכל נבלות און טריפות. ער ווייסט אז עס איז א שאד צו רעדן דערפון, ווייל ער איז אזוי ווייט דערפון, אז עס איז נישט שייך אפילו אז מען זאל אים קענען צורעדן צו די עבירה. וואס איז זיין וועג? ער הייבט אן מיט א קלייניגקייט. היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך ועבוד עבודה זרה (שבת קה:), דער יצר הרע הייבט קיינמאל נישט אן מיט קיין גרויסע זאכען, אייביג בעט ער נאר, געב מיר א קלייניגקייט.

**מען זעהט יונגעלייט פאָרן אפ פונעם ריכטיגען וועג, און עס איז נישט געקומען פון איין מינוט אויפן צווייטען. דאס נעמט א יאר צוויי דריי, ביז מען קומט אן אהין. די ערשטע זאך איז, א קליין קאפעלע. עס שטייט נישט אז מען מוז גיין מיט א גרויסע קאפעל, עס איז נישט פון די מצות עשה מדאורייתא. ווען דער קאפעל איז שוין קלענער געווארן, איז שוין די בארד צו לאנג. מען דארף עס אביסעלע אראפשניידען, פון אויבן און פון אונטען. ער וועט נישט אראפנעמען די בארד, אבער צוביסלעך. די שיך זענען שוין נישט פאסיג לויט די היינטיגע סטייל, ער דארף האבען ספעשל שיך, און ספעשל גלעזער וכדומה.** עס איז ממש קלייניגקייטן, דקדוקי עניות (עירובין מא:). אבער ווען ער געט נישט אכט, אויף דעם ערשטען טריט וואס ער טוט, דאס איז דער וועג, ווי אזוי מען ווערט זיך שפעטער אראפגליטשן.

**דער יצר הרע זאגט נישט, קום נישט אין בית המדרש דאווענען. ער דארף דאך דאווענען יעדן טאג. אבער קרבנות קען מען אראפנעמען. פון נאך אשרי ובא לציון קען מען אראפציפן. תהלים דארף מען נישט זאגען יעדן טאג. ער נעמט זיין סידור'ל, און ער מאכט עס קודם אביסל קלענער, ביז די סידור ווערט אינגאנצען קליין. און נאכדעם דאווענט ער שוין איינמאל ביחידות, און איינמאל הערט ער שוין אויף אינגאנצען צו דאווענען, ער איז נאר משלים.**

**קיינער הייבט נישט אן צו עסן נבלות וטריפות, אבער קודם איז גוט א OU אויך, עס מוז נישט האבען קיין יודישע אותיות דערויף. מען קען אלעס עסן [איך מיין נישט ארויסצוברענגען א גנות אויף OU, איך וויל נאר ארויס ברענגען די געדאנק דערפון]. ער הייבט אן מיט א**

**קליינינגקייט, עס מוז נישט זיין אלעס מיט א הכשר, עס קען זיין אזוי און אזוי אויך. און נאכדעם ווען עס איז א שעת הדחק, זאגט ער, וואס ווערט שוין אריינגעלייגט אין דעם מאכל, קיין גרויסע זאכען ווערט נישט אריינגעלייגט. עס ליגט נישט אינוויניג קיין חזיר, מען מעג עסן אזוי אויך. מען איז אמאל אינטערוועגנס, און מען איז הונגעריג וכדומה, א קאווע מעג מען דאך טרינקען דא, וואס קען שוין זיין א שאלה אויף דעם מאכל וואס מען גיט צו עסן. אלעס הייבט זיך אן מיט א קליינינגקייט, היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה.**

**די** פאריגע וואך איז די פרשה פון רציחה, פון די הארבסטע עבירות שבתורה, יהרג ואל יעבור (סנהדרין עד.). ווי אזוי ווערט א מענטש א רוצח, גיין הרג'ענען א צווייטען. עס קומט נישט פון איין מינוט אויפן צווייטען. עס שטייט אין פסוק (דברים יט-יא), 'כי יהיה איש שונא לרעהו, וארב לו וקם עליו והכהו נפש'. זאגט רש"י, 'על ידי שנאתו, הוא בא לידי וארב לו', עס הייבט זיך אן מיט א שנאה, ער איז ברוגז אויף יענעם, ער האט אים איינמאל נישט געגריסט, ער האט אים איינמאל פוגע געווען אין שול, מיט א ווארט וואס ער האט אים געזאגט. ליגט יעצט א שנאה אויף יענעם יוד. און ווען ער האט עס נאכאמאל געטון, ווערט די שנאה אויף אים נאך גרעסער. און דער שנאה קען ברענגען, אז פון א שונא לרעהו, ווערט ער נאכדעם וארב לו וקם עליו והכהו נפש.

**זאגט** רש"י, 'מכאן אמרו, עבר אדם על מצוה קלה, סופו לעבור על מצוה חמורה'. דו האסט אנגעהויבען מיט א עבירה קלה, עס וועט זיך ענדיגען מיט א עבירה חמורה. 'משום שעבר על לא תשנא', דו האסט עובר געווען אויף א לאו אין די תורה פון לא תשנא (ויקרא יט-יז), 'סופו לבוא לידי שפיכת דמים, לכך נאמר כי יהיה איש 'שונא' לרעהו שהיה לו לכתוב וכי יקום איש וארב לרעהו והכהו נפש', וואס דארף די תורה זאגען, אז ער איז געווען א שונא לרעהו. עס איז דאך נישט נוגע צו די מעשה, צו ער איז אים געווען א שונא צו נישט. עס איז נאר נוגע וואס עס קומט זיך, ווען ער האט יענעם געהרג'עט במזיד. נאר די תורה וויל זאגען, אז עס הייבט זיך אן מיט שונא לרעהו, ער האט פיינט דעם חבר. דו ביזט עובר אויף א קליינע עבירה פון לא תשנא, וועט עס נאכדעם צופירן דערצו, אז והכהו נפש, דו קענסט זיין א רוצח. מען ווערט נישט קיין רוצח פון איין מינוט אויפן צווייטען, אבער פון א קליינע עבירה ווערט מען נאכדעם א רוצח. דאס איז די וועגן פונעם יצר הרע, ער הייבט אן מיט א קליינינגקייט, און נאכדעם צוביסלעך צוביסלעך, ביז ער הייסט אים דינען עבודה זרה.

**די וועג פון א יוד ווען ער וויל תשובה טון, איז אויך די זעלבע. מען קען נישט ווערן פון א שגץ, א ל"ו צדיק.** עס איז א לאנגע וועג אנצוקומען דערצו. און טאמער מען בעהט פון אים, לאז אלעס איבער וואו דו שטייסט, און הייב אן א נייע וועג, גייט עס נישט. ער איז נישט בכח. **אבער יעדער יוד קען אנהייבען מיט א קליינינגקייט, צו זיין אביסל בעסער. היינט אביסל בעסער, און אין א וואך ארום נאך אביסל בעסער, אלץ צוגעבן נאך און נאך, ביז מען ווערט אינגאנצען ערליך.**

**און** עס איז נוגע אין יעדע נקודה פונעם לעבן, **ער האט נישט קיין צייט צו דאווענען געהעריג, ער איז פארנומען מיט געשעפטען וכדומה. הייב אן צו דאווענען ווי א יוד, איין טאג אין די וואך. איין טאג פון זיבען טעג פון די וואך. נעם דיר אראפ איין טאג, וואס דעם טאג וועל איך דאווענען מלה במלה, ווי עס דארף צו זיין. איך קען זיך נישט צוריקהאלטען פון פארשידענע זאכען, קלויב דיר אויס איין שעה פון די פיר און צוואנציג שעה אין טאג. וואס אין די שעה וועל איך נישט טון קיין איין עבירה. די שעה וועל איך אויסנוצען נאר פאר עבודת ה'. אז דו קענסט נישט קיין שעה, הייב אן מיט א האלבע שעה. דאס איז זאכען וואס עס איז גרינג, און א מענטש קען עס טון.** און אויב מען הייבט אן מיט א קליינינגקייט, העלפט דער אייבערשטער, אז אויב מען האט עס געקענט טון איין שעה, קען

מען עס נעמען אויף צוויי שעה אויך. איך האב עס אנגעהויבען איינמאל א וואך, קען איך עס נעמען אויף צוויי מאל א וואך.

**עס** קומט שבת, וואס אין שבת איז נישטא קיין שום תירוץ. ער איז נישט פארנומען מיט די ארבעט. ער איז נישט פארנומען מיט קיין שום וואכעדיגע זאך. **פארוואס קען ער נישט דאווענען שבת נארמאל? פארוואס קען ער נישט דאווענען שבת מיט כוונה? וואס יאגט דיר? אויב דו קענסט נישט דאווענען א גאנצע וואך, נעם דעם שבת וואס קיינער שטערט דיר נישט. נעם שבת איין שעה, וואס אין די שעה רעדט מען נישט קיין דברים בטלים. אין די שעה רעדט מען נישט קיין לשון הרע. מען רעדט נישט קיין שום דבר חול.** דאס איז א זאך, וואס א מענטש קען טון. און אז מען הייבט אן מיט א קליינינגקייט, גייט מען אזוי מער און מער.

**ער קען נישט מכוון זיין די גאנצע דאווענען, הייב אן צוביסלעך. קענסט נישט די גאנצע שמונה עשרה, כאטשיג איין ברכה, אדער די דריי ברכות ראשונות, זאלסטו יעדן טאג מכוון זיין געהעריג. אז דו קענסט נישט מכוון זיין געהעריג אלע הללוי-ה'ס, נעם איין הללוי-ה. לערן דיך אויס פירוש המלות. זיי מכוון וואס דו רעדטס.** דאס איז זאכען וואס א מענטש הייבט אן מיט א קלייניגקייט, און ווען מען הייבט אן מיט א קלייניגקייט, העלפט דער אייבערשטער שפעטער. אזוי ווי היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה. אזוי אויך קען ער צוקומען צו זיין א עובד ה'. ביי א יעדע זאך וואס דו פילסט אז דו האסט דערין א התרשלות, זאלסטו אנהייבען מיט עפעס א קלייניגקייט, אזוי וועסטו נאכדעם צוקומען צום שלימות.

**זאגט** די תורה הק', כי תצא למלחמה על אויביך, ווען דו גייסט ארויס מיט א מלחמה אויף דיינע פיינט. 'ושבית', זאלסטו פאנגען פון אים, 'שביו', אזוי ווי ער האט דיר געפאנגען. נעם זיין טאקטיק, זיין וועג ווי אזוי ער האט דיר געפאנגען, און ער האט דיך אראפגעברענגט פון א הויכע מדריגה צו א נידריגע מדריגה. נעם די זעלבע זאך, און 'ושבית' פאנג אים, 'שביו', אויף דעם וועג ווי אזוי ער האט דיר געפאנגען. הייב אן מיט קלייניגקייטן, און דו וועסט זעהן, אויב דו וועסט אנהייבען מיט קלייניגקייטן, וואס א יעדער קען עס באווייזען. וועסט צוקומען נאכדעם צו ווערן א עובד ה'.

**און** דאס איז די סמיכות פון די צוויי פרשיות. 'ואתה תבער הדם הנקי מקרבך, כי תעשה הישר בעיני ה', אזוי ווי דער **בינה לעתים** זאגט, זיי נישט קיין רוצח אויף דיר אליין. 'ואתה תבער הדם הנקי', זיי מבער דעם דם הנקי, 'מקרבך', פון דיר אליין, 'כי תעשה הישר בעיני ה', ווען די וועסט טון וואס עס איז ריכטיג אין די אויגען פונעם אייבערשטען. וועסטו אבער פרעגן, ווער קען דאס טון. ווער האט די כוחות הנפש, וואס ער זאל זיך קענען שלאגען מיט דעם יצר הרע. זאגט די תורה, כי תצא למלחמה על אויביך, די זאלסט וויסען, אז אויב דו וועסט טון דיינס, דו וועסט ארויסגיין מיט א מלחמה אויפן פיינט, ונתנו ה' אלקיך בידך, וועט אים דער אייבערשטער איבערגעבן אין דיין האנט. און די עצה דערויף איז, 'ושבית', דו זאלסט אים פאנגען, 'שביו', אזוי ווי ער האט דיר געפאנגען. אזוי ווי ער האט אנגעהויבען מיט קלייניגקייטן, אזוי זאלסטו אויך אים צוריקפאנגען.

*

**אויב** א יוד פירט זיך נישט אויף ערליך, רופט אים אן די תורה, ואתה תבער הדם הנקי מקרבך, ער איז רוצח אויף זיך. קומט אויס, אז ווען א יוד איז נכשל געווארן אין משך פונעם יאר מיט עבירות, איז ער געווען א הורג נפש בשגגה. ער האט זיך אליין, זיין אייגענעם נפש, אוועק גע'הרג'עט. און א הורג נפש בשגגה, דארף אויך האבען תשובה. וואס דארף א הורג נפש בשגגה טון? ער דארף גיין אין די ערי מקלט.

**וואס** איז די ערי מקלט ביי א הורג נפש ברוחניות. שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז חודש אלול איז אונזער ערי מקלט. דער אייבערשטער האט

אונז געגעבן דעם חודש אלול, אין סוף פונעם יאר, אז מיר זאלען האבען א ערי מקלט, וואו צו אנטלויפען. עס קומט ראש השנה, ווען א מענטש דארף שטיין פארן יום הדין, און עס איז דא אויבען א גואל הדם, דאס איז דער שטן וואס טוט משטין זיין אויף יודען, און ער פארלייגט זיך אויפן מענטש. האט דער אייבערשטער אונז געגעבן דעם חודש אלול, אז דער גואל הדם זאל נישט האבען אויף אונז קיין כח. זאגט דער **אר"י הק'**, עס שטייט ביי די ערי מקלט (שמות כא-יג) והאלקים אנה לידו ושמתי לך מקום אשר ינוס שמה. א'נה ל'ידו ו'שמתי ל'ך איז די ראשי תיבות אלול. ווייל חודש אלול איז אונזער ערי מקלט, אז מיר זאלען קענען נעמען דעם חודש אלול, און ניצל ווערן פונעם יצר הרע.

**אין** די גמרא (מכות יב.) איז אויסגערעכנט נאך צוויי זאכען, ווי אזוי איינער וואס האט יענעם גע'הרג'עט בשוגג קען ניצל ווערן, אפילו אויב ער האט נישט קיין ערי מקלט. איין וועג זאגט די גמרא, אז אויב ער איז אריינגעלאפען אין בית המקדש, און ער איז ארויפגעגאנגען אויפן מזבח, קען מען אים נישט אראפנעמען פון דארט, כדי מען זאל אים הרג'ענען. די מזבח איז קולט. ווייל עס שטייט אין פסוק (שמות כא-יד) 'מעם' מזבחי תקחנו למות, דרשנ'ט די גמרא, 'מעם' מזבחו ווען ער שטייט נאר נעבן די מזבח קענסטו אים נעמען, ולא 'מעל' מזבחי, טאמער איז ער אויפן מזבח, האט מען אים נישט געקענט נעמען פון דארט.

**און** די גמרא זאגט, אז מען האט געוואלט הרג'ענען יואב, ווייל ער איז געווען א הורג נפש. און ער האט געוואוסט פון דעם סוד, אז ווען מען גייט אויפן מזבח, ווערט מען ניצל, אבער ער האט נישט געוואוסט פונקטליך די הלכות פונעם מזבח. האט ער זיך געשטעלט נעבן דעם מזבח, און ער האט אנגעכאפט די קרנות המזבח. און ער האט געמיינט, אז מיט דעם וואס ער כאפט אן די קרן פון די מזבח, וועט ער אויך ניצל ווערן. און ער האט זיך טועה געווען, ווייל די מזבח איז קולט, נאר ווען מען גייט ארויף אויפן מזבח, אבער ווען מען שטייט אין די זייט, און מען כאפט אן די קרנות המזבח, איז עס נישט קולט.

**וואס** איז דער רמז דערפון פאר אונז, ווען מען רעדט פון א רוחניות'דיגע הורג נפש בשגגה? די רוחניות'דיגע מזבח איז די תפלות. א תפלה וואס א מענטש דאווענט, איז א מזבח. תפלות כנגד תמידין תקנום (ברכות כו:), תפלות דאס איז אונזער הקרבת הקרבן. ווען א יוד שטעלט זיך דאווענען, איז כאילו ער שטייט ביי א מזבח, און ער איז מקריב די קרבנות. ווייל א תפלה איז מכיון אקעגן א קרבן.

**אויף** א מזבח שטייט אין פסוק (ויקרא ו-ו), אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה. עס ברענט א פייער אויפן מזבח. אזוי דארף א יוד צו ברענען מיט א פייער פונעם הארץ, בשעת מען שטעלט זיך דאווענען. **ווען א יוד נעמט דעם ענין התפלה אין די הענט, צו דאווענען אזוי ווי מען דארף צו דאווענען, מיט א חיות, און מיט א חשק, און מיט א כוונה, דאס איז קולט א מענטש, פון אלע פגעים רעים וואס קענען זיך אנקלעבען אין אים.** דער מזבח האט קולט געווען איינעם וואס איז א הורג נפש בגופו. און אונזער דאווענען וואס איז אזוי ווי א מזבח, איז אויך קולט א רוחניות'דיגער הורג נפש בשגגה.

**אבער** דאס איז נאר, ווען ער שטייט אויפן מזבח מיט אלע רמ"ח אברים. ווען א מענטש שטייט אבער מיט די פוס אויף די ערד, און ער כאפט נאר אן דעם מזבח מיט די הענט. זיין קאפ איז נישט ביים דאווענען, ער ליגט אין עניני עולם הזה. נאר ער מוז דאך קומען אין בית המדרש, כאפט ער אן די קרנות המזבח מיט די האנט, דאס איז נישט קולט. די מזבח איז קולט, ווען א יוד טוט זיך אוועקגעבן פארן אייבערשטען, און ער גייט ארויף אויפן מזבח. ער וויל זיין נאנט צום באשעפער, און זיין דאווענען איז מיט א דביקות צום באשעפער, דאס איז אים קולט.

**אויסער** דעם מזבח, איז דא נאך א זאך וואס איז קולט. אויב ער גייט אריין אין בית המדרש און ער לערנט, קען מען אים נישט ארויסנעמען און

הרג'ענען. די גמרא (מכות י.) דרשנ'ט, עס שטייט אין פסוק (דברים ד-מג) את בצר במדבר, און נאכדעם שטייט וזאת התורה אשר שם משה. אזוי ווי בצר איז פון די ערי מקלט וואס איז קולט, אזוי אויך וזאת התורה אשר שם משה, בשעת מען לערנט תורה, בעידנא דעסיק ביה, איז עס קולט. און דער גואל הדם טאר אים נישט נעמען פון דארט און אים הרג'ענען. **ווען א יוד זיצט און ער לערנט תורה, דארף ער וויסען אז די שעות וואס ער לערנט תורה, איז ער ארומגענומען, אז פגעים קענען נישט צורירען צו אים.** עס איז נישטא קיין שטן, א גואל הדם, וואס זאל קענען צוקומען צו אים. די תורה און תפלה דאס איז וואס האלט אונז.

**אויב** דאס איז א גאנץ יאר, כל שכן ווען עס קומט חודש אלול, עס קומען די הייליגע טעג, קיינער ווייסט נישט, וואס מען גייט אים פארשרייבען אויפן קומענדיגען יאר. אבער תפלה האט א געוואלדיגע כח. מיט תפלה קען א מענטש אויפטון גדולות ונצורות. ווען א יוד דאווענט, קען ער מיט דעם דאווענען, איינרייסען אלע גזירות רעות, וואס איז דא. עס איז נישטא קיין שום זאך, וואס תפלה זאל נישט קענען אדורכרייסען, און פועל'ן אויף גוטס. יעדען פראבלעם וואס א מענטש האט, שטוב זאכען, פרנסה, קינדער, אלע אנדערע ענינים, דארף מען דאווענען, בעטן פונעם אייבערשטען.

**און** מען דארף מתפלל זיין דערויף נאך א תפלה, און נאך א תפלה, מען טאר נישט מיד ווערן פונעם דאווענען. משה רבינו האט געבעטן תקט"ו תפלות (דב"ר יא-י), און מיר ווערן מיד נאכן בעטן פינף מאל די זעלבע זאך. און אויב מען האט אים נאכנישט געענטפערט, איז ער שוין מיטן קאפ אראפ, פארוואס מען האט אים נישט געענטפערט זיינע תפלות. איך האב שוין געדאווענט, און איך האב שוין געבעטן נעכטען און אייער נעכטען. און ער מיינט, אז ווען ער בעהט, דארף מען עס גראד מקבל זיין. משה רבינו האט געדאווענט איבער פינף הונדערט תפלות אויף איין זאך, און ער איז נישט מיד געווארן, און ער וואלט ווייטער געדאווענט, נאר מען האט אים צוריקהאלטען. דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (שם ג-כו), ער זאל נישט קענען ווייטער דאווענען.

**דאס** איז אפילו עס איז שוין דא א גזר דין, האט תפלה א כח, אז עס איז קורע א גזר דינו של אדם. תשובה ותפלה וצדקה, מעבירין את רוע הגזירה. אפילו עס איז דא א רוע הגזירה, מען האט שוין גוזר געווען, האט תפלה א כח אז עס זאל מעביר זיין די גזירה. און כל שכן ווען עס איז נאכנישט דא א גזירה, זאגט די גמרא (סנהדרין מד:) לעולם יקדים אדם תפלה לצרה. מען דארף נישט ווארטען ביז עס קומט א צרה, און דעמאלטס דאווענען. א יוד דארף מקדים זיין תפלה לצרה. די הייליגע טעג איז מען דן אויף אלע פראבלעמען פונעם מענטש, און דער חודש אלול איז געגעבן געווארן פאר אונז, אז מיר זאלען מקדים זיין תפלה לצרה.

**ווען מען האט צייט זאל מען זאגען תהלים. אמאליגע יודען, מען רעדט נישט מיט קיין הונדערט יאר צוריק, נאר וואס מיר האבען נאך געקענט פונעם פריערדיגען דור, ווען עס איז אנגעקומען חודש אלול, האט מען יעדען פארטאגס, ווען מען איז אריינגעקומען אין בית המדרש, געקענט טרעפן יודען וואס האבען געזאגט תהלים. און מיר קענען קוים דאווענען. מען דארף זעהן מער מאריך צו זיין אין תפלה, און זאגען תהלים ווען מען האט צייט. ווען מען איז אינטערוועגנס, מען פארט און מען קומט, אמאל אין שטוב וכדומה, ווען מען האט פרייע צייט, נעמען א תהלים און זאגען אפילו פינף קאפיטלעך. נישט קיין חילוק וויפיל, נאר זיי מתפלל. טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה** (טור או"ח סימן א'), **עס איז נישט קיין ענין אפצוזאגען, און אפכאפן וואס מען זאגט. נאר ווארט ביי ווארט, און מכוון זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען.**

**דאס** איז אונזער עבודה, ווען מיר האלטען יעצט אינעם חודש אלול. און אויף דעם דארף מען מתפלל זיין ביי יעדע תפלה, ה' שפתי

תפתח ופי יגיד תהלתך, אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען דאווענען. מען זאל קענען האבען די ריכטיגע ווערטער אין מויל. און אז א יוד טוט וואס איז בידו צו טון, העלפט אים דער אייבערשטער.

**מען** רעדט דאך דא צו די יונגעלייט. איך פיל אז איך דארף ארויסברענגען. **ב"ה, עס איז זייער א שיינע חברותא, א חבורה פון אהבת חסד, מען האט זיך ליב איינער דעם אנדערן, מען טוט גוטס איינעם מיטן צווייטען. ווען מען הערט א פראבלעם פונעם חבר, שטייט מען נישט פון די זייט, נאר מען פראבירט אים ארויס צו העלפען. עס גיט א געוואלדיגע חיזוק, ווען מען קומט דאווענען דא אינעם בית המדרש, אפילו ווען מען וואוינט אמאל ווייט וכדומה. עס איז גוט פאר זיך, א מענטש איז נישט אליין. די אלע וואס זענען אליין פאר זיך, און זיי האבען נישט קיין מקום קבוע, במשך הימים ווערט מען פארפאלען. ווען חברים האלטן זיך צוזאם, טוט עס צוהעלפען. אפילו אמאל שפירט א מענטש, אז פאר אים איז עס נישט וויכטיג. איז עס אבער וויכטיג פאר אנדערע. פאר אנדערע מאכט עס א רושם, ווען דער חבר קומט אויך, און מען האלט זיך אינאיינעם. אמאל איז מען א זוכה ומזכה את הרבים. ער איז זוכה פאר זיך, און ער איז מזכה אנדערע אויך. און כל שכן ווען עס קומען די טעג פון אלול און תשרי, וואס מען דאווענט מער, און ווי מער מען איז זיך מדבק איינער מיטן צווייטען, און עס איז דא א געהעריגע חברותא, האט מען אלץ א זכות אין דעם צווייטענס תפלה אויך.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלען קענען אויסנוצען די טעג וואס מיר שטייען, צו קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער, מיט פרנסה בהרחבה פאר יעדעם איינעם. אז מען האט פרנסה בהרחבה, איז נאכדעם אסאך גרינגער די עבודת ה'. ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש, ושבתי בשלום אל בית אבי (בראשית כח-כ), אז מען האט לחם לאכול ובגד ללבוש, פארדינט דער אייבערשטער דערפון. עס דאווענט זיך אנדערש, און עס לערנט זיך אנדערש, און מען טוט צדקה אנדערש. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל נתקבל ווערן אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון, און מיר זאלען אלע געבענטשט ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה, און מיט א פרייליך און א לוסטיג יאר. און מיר זאלען זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הרב יהודא באדאנסקי שליט"א

יום ג' פרשת כי תצא תשע"ג לפ"ק - מאנסי

**איך** וועל נישט רעדן פונעם ענין פון ברית מילה, ווייל מען האט שוין געהערט פון די זיידעס פון ביידע צדדים. איך וועל פותח זיין בכבוד האכסניא (ברכות סג:). עס איז מיר אויסגעקומען די וואך, צו לערנען א באקאנטע גמרא. און איך וועל זאגען, וואס עס איז עלה ברעיוני, בשעת איך האב עס געלערנט. די גמרא (עירובין נד:) דערציילט אויף רבי פרידא, אז ער האט געהאט א תלמיד, וואס האט געהאט זייער א שווערן קאפ. און וויפיל מען האט געלערנט מיט אים, איז עס נישט אריינגעגאנגען. אזוי ווייט, אז מען האט געדארפט לערנען מיט דעם תלמיד פיר הונדערט מאל, ביז דער תלמיד האט עס פארשטאנען. און רבי פרידא האט זיך אפגעגעבן, און ער האט געלערנט מיט דעם תלמיד פיר הונדערט מאל, די שטיקל גמרא, אדער די הלכה, וואס מען האט געלערנט.

**איך** טראכט אלץ פון די גמרא, וואס פאר א לימוד מוסר השכל דאס איז. רבי פרידא האט געהאט וויכטיגער'ס וואס צו טון מיט די צייט. און פונדעסטוועגן דאך, האט ער גענומען א שוואך קינד, קיין גרויסע מר בר רב אשי, און א מורה הוראה בישראל, וועט דער תלמיד נישט אויסוואקסען. און אז מען דארף מיט אים לערנען א שטיקל גמרא פיר הונדערט מאל,

האט ער נישט געקוקט, אויף די תכלית פון שפעטער. נאר יעצט דארף מען לערנען. ושננתם לבניך, אלו התלמידים (רש"י דברים ו-ז). און ער איז געזעסן און געלערנט.

**פארציילט** די גמרא, אז איינמאל האט רבי פרידא געדארפט אוועקגיין, און דער תלמיד האט געוואוסט, אז ער גייט אוועקגיין. און ער האט א גאנצע צייט געטראכט, אפשר וועט זיך דער רבי יעצט אויפשטעלן, און ער וועט אוועקגיין, און ער וועט ממילא נישט פארשטיין, האט ער נישט צוגעלייגט קיין קאפ. נאכדעם וואס ער האט אפגעלערנט מיט אים פיר הונדערט מאל, האט ער געזעהן אז ער קען נישט. האט ער אים געפרעגט, וואס איז היינט אנדערש פון א צווייטע מאל. האט ער געזאגט, איך האב געוואוסט, אז דער רבי גייט אוועק אויף א דבר מצוה, איז מיין קאפ נישט געווען ביים לערנען. איז רבי פרידא נישט אוועקגעגאנגען, און ער האט זיך אראפגעזעצט, און ער האט געלערנט מיט אים נאך פיר הונדערט מאל. און אין הימל איז געווארן א רעש פון רבי פרידא'ס תורה, אזוי ווייט, אז מען האט מודיע געווען פאר רבי פרידא, אז אלץ שכר אויף וואס ער האט געטון, קען ער זיך אויסקלויבן איינע פון די צוויי זאכען. אדער גיט מען אים נאך פיר הונדערט יאר צו לעבן, אדער קען ער מיט זיין גאנצן דור צוזאמען, זוכה זיין צו חיי עולם הבא. האט ער זיך אויסגעקליבען חיי עולם הבא. ווען מען האט געהערט די תשובה, אז ער דארף חיי עולם הבא. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז מען זאל אים געבןביידע. ער מיט זיין דור וועלן זוכה זיין צו חיי עולם הבא, און מען וועט אים צוגעבן פיר הונדערט יאר.

**און** די גמרא איז א געוואלדיגע פלא, פון צוויי זאכען. איינס, מען האט אים געגעבן א אויסוואל אדער פיר הונדערט יאר לעבן. יום לשנה, פאר יעדע בלאט גמרא, וואס ער האט נאכאמאל איבערגעלערנט מיט אים, האט ער באקומען נאך א יאר לעבן. אדער צו זוכה זיין לחיי עולם הבא. אבער ווי קומט דא אריין זיין דור. אז ער מיט זיין גאנצע דור, וועלן זוכה זיין צו חיי עולם הבא. צווייטענס, מען האט אים געזאגט, אדער קלויב דיך אויס חיי עולם הבא, אדער באקומסטו אריכת ימים. איז דאך משמע, אז די שכר אויף די זאך וואס ער האט געטון, איז איינס פון די ביידע, און עס קומט זיך נישט קיין צוויי זאכען דערויף. און ווען ער האט אויסגעקליבען, אז ער וויל האבען חיי עולם הבא, האט מען אים געזאגט, יעצט באקומסטו ביידע. מען גיט דיר חיי עולם הבא, און מען גיט דיר פיר הונדערט יאר. פארוואס? אויב די שכר פאר דעם איז נאר איינס פון די צוויי, פארוואס יעצט ווען ער האט געענטפערט, אז ער האט אויסגעקליבען איינס, באקומט ער יא ביידע שכרים. זאל מען אים מעיקרא זאגען, אז דו קענסט באקומען ביידע.

**האב** איך געטראכט, אז דער פשט דערפון איז. רבי פרידא האט געהאט א אמת'דיגע ספק וואס מען טוט, און יעדער יוד דארף האבען דעם ספק. אז מען טראגט איינעם אן, אדער קענסטו זוכה זיין צו חיי עולם הבא, אדער באקומסטו אריכת ימים, וואס איז חשובער אויסצוקלויבען. המון עם וועט אויסקלויבען חיי עולם הבא. ווי יענער האט געזאגט, וועל איך עסן נאך א פאר בילקעלעך. וואס וועט שוין זיין, אז ער וועט לעבן נאך פיר הונדערט יאר. חיי עולם הבא, ווייסט ער, אז ער האט חיי נצחיים. אבער ביי אזא יוד ווי רבי פרידא, וואס עס איז יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא. ער דארף נישט קיין עולם הבא. ער איז פון די בני אדם המשמשין את הרב, שלא על מנת לקבל פרס (אבות א-ג). ער וויל דינען דעם אייבערשטען נאך פיר הונדערט יאר, ער וועט לעבען פינף אדער זעקס מאל מער ווי א צווייטע יוד וועט לעבן. קלויבט ער ענדערש אויס, אז ער דארף האבען פיר הונדערט יאר לעבן, וואס ער וועט קענען דינען דעם אייבערשטען, און ער דארף נישט קיין חיי עולם הבא.

**און** דער רבונו של עולם האט געוואוסט, אז לעבן פיר הונדערט יאר, אדער חיי עולם

הבא, איז אפילו נישט קיין אויסוואל פאר רבי פרידא. עס איז זיכער אז רבי פרידא וועט זיך אויסקלויבען, אז ער וויל לעבן פיר הונדערט יאר. ווייל עס אים יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא. נאר וואס דען, מען וועט אים זאגען, אז דו קענסט זוכה זיין קוקען אויף צו חיי עולם הבא, דו מיט דיין גאנצע דור צוזאמען. רעדט מען דאך יעצט, צו ער זאל זיך, אדער ער זאל קוקען פאר די וועלט. פאר זיך, איז טאקע יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא, און קען זיין מען דארף דאס אויסקלויבען. אבער אז מען טראגט אים אן, זיי מוותר אויף דיינע זכותים אויף די וועלט, און דו וועסט זוכה זיין פאר דעם, אז א גאנצע דור וועט קומען צו חיי עולם הבא. דא איז ער שוין געבליבען מיט א ספק, צו א מענטש דארף קוקען אויף זיך. אז ער זאל זיין א עובד ה' נאך הונדערט יאר. צו ער זאל מוותר זיין, אויף זיין עבודות ה', כדי אז א גאנצע דור זאל זוכה זיין צו חיי עולם הבא. האט רבי פרידא אויסגעקליבען דעם צווייטען וועג, ער איז מוותר אויף זיך, ער דארף נישט קיין אריכת ימים, כדי אויפצוהייבען דעם גאנצן דור, אז זיי זאלען צוקומען צו חיי עולם הבא.

**ווען** דער אייבערשטער האט געהערט זיין ענטפער, אז ער איז זיך גרייט מפקיר צו זיין פאר אנדערע, אויף דעם קומט יעצט אן עקסטרע שכר. פארדעם וואס דו ביזט מפקיר דיינע פיר הונדערט יאר, כדי אז די גאנצע וועלט זאל האבען חיי עולם הבא, איז דאך אין אדם שומע לי ומפסיד (דב"ר ד-ה), דער אייבערשטער האט נישט געוואלט, אז פארן אייבערשטען'ס וועגן, זאל א יוד שאדען האבען. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, יעצט באקומסטו ביידע. ווען דו וואלסט אויסגעקליבען, אז דו ווילסט האבען די פיר הונדערט יאר פאר דיר צו לעבן, האסטו אויסגעקליבען דיין שכר, באקומסטו נישט מער. אבער אז דו האסט אויסגעקליבען אנשטאט דעם, א זאך וואס פאר דיר איז נישט גוט, נאר ווייל עס איז חיי עולם הבא פארן גאנצען דור, האסטו אויסגעקליבען דעם וועג, וועסטו זוכה זיין צו ביידע. און דאס איז א שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט, אז מען דערלייגט נישט דערויף. אז דו האסט אוועקגעגעבן דיינע פיר הונדערט יאר, ווייל דו ווילסט אז די וועלט זאל האבען חיי עולם הבא, סוף כל סוף באצאלט דער באשעפער אז דו באקומסט ביידע. מען האט דיר צוגעגעבן די פיר הונדערט יאר, און דו האסט זוכה געווען צו חיי עולם הבא.

---

## בסעודת ברית מילה של בן הרב יוסף יהושע פליישמאן שליט"א

יום ד' פרשת כי תצא תשע"ג לפ"ק - מחנה אברכים פאפא

---

**איינע** פון די הלכות פון מילה איז, אז דער מוהל וואס טוט מל'ן דאס קינד, טאר נישט זיין קיין ערל. המל ימול (בראשית יז-יג), ער דארף זיין אליין געמל'ט, און נאכדעם קען ער מל'ן א צווייטע קינד (מנחות מב.). ואתה את בריתי תשמור אתה וזרעך אחריך (שם יז-ט), קודם דארף זיין ואתה את בריתי תשמור, און נאכדעם קען זיין זרעך אחריך. אין יעדע מצוה אין די תורה, איז דא א זאך וואס מען קען זיך ארויפלערנען דערפון א מוסר השכל. פארוואס האט די תורה מצוה געווען, אז ביי א ברית מילה, דארף דער מוהל וואס מל'ט זיין געמל'ט, און נאכדעם קען ער מל'ן דאס קינד.

**די** וואך איז דא די פרשה פון א יפת תואר, און נאכדעם קומט די פרשה פון א בן סורר ומורה. און רש"י ברענגט צו, אז לא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע. און די תורה האט מסמיך געווען די צוויי פרשיות איינס נעבן דאס אנדערע, אז טאמער דו וועסט נעמען א יפת תואר, סופו וועסטו מוליד זיין א בן סורר ומורה. און עס דארף נאך אלץ האבען א ביאור, פארוואס קומט זיך עס אים. ער האט געטון וואס עס שטייט אין די תורה, די תורה האט עס מתיר געווען. אפילו די תורה האט עס נאר מתיר געווען מתוך הדחק וכדומה, אבער למעשה האט ער נישט געטון א עבירה, ער האט געטון וואס די תורה האט

געהייסען טון. א מענטש טוט אסאך זאכען, וואס זענען דברים של רשות, און מען באקומט נישט קיין עונש דערפאר. און דא איז דא א פרשה אין די תורה פון א יפת תואר, וואס די תורה האט מתיר געווען, אז ער קען איר נעמען. און די תורה האט געגעבן פארשידענע מצות, און ער האט געטון אזוי ווי די מצוה פון די תורה איז. און צום סוף זאגט מען, אז ער גייט האבען א קינד א בן סורר ומורה.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, די גמרא (יומא ב.) דרש'נט וכפר בעדו ובעד ביתו (ויקרא טז-ו), ביתו זו אשתו, א ווייב ווערט אנגערופן מיטן נאמען בית. בפשטות איז דער פשט, ווייל זי איז דאך די עקרת הבית, זי פירט די שטוב. רבי יוסי האט נישט גערופן זיין ווייב אשתי, נאר ער האט איר גערופן ביתי (שבת קיח:). די גמרא (יבמות סג.) זאגט, אז איינע פון די אמוראים האט געהאט א שלעכטע ווייב, און וואס ער האט געבעטן, האט זי אלץ געטון פארקערט. פונדעסטוועגן דאך, פלעגט ער איר שטארק מכבד זיין, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען, און ער האט געקענט קויפן א מתנה, האט ער איר געברענגט א מתנה. און מען האט אים פארגעהאלטען, פארוואס ער טוט אזוי. האט ער געזאגט, דיינו שמגדלת בנינו, ומצילות אותנו מן החטא. אפילו זי טוט נאר אזויפיל פאר מיר, אז זי טוט מיר מציל זיין פון א חטא, און זי איז מגדל אונזערע קינדער, פארדעם אליין קומט זיך איר אויך א מתנה. קומט אויס אז יעדע פרוי, אפילו ווען זי איז נישט א ריכטיגע עזר כנגדו, אבער מיט צוויי זאכען איז זי א עזר פאר איר מאן. אז זי טוט אים מציל זיין פון א חטא, און זי טוט מגדל זיין די קינדער. בי"ת מיינט צוויי, ביתו זו אשתו, א ווייב איז געשטעלט אויף בי"ת, אויף צוויי זאכען. זי זאל מגדל זיין די קינדער, און זי זאל מציל זיין איר מאן פון א חטא.

**אין** די מפרשים שטייט, לא דיברה תורה אלא נגד יצר הרע. אז דא ביי די פאל, ווען ער האט גענומען א יפת תואר, דאס אז זי וועט מגדל זיין די קינדער, וועט דאך נישט זיין. ווייל די גמרא זאגט, אז ער וועט זיין א בן סורר ומורה.

קומט אויס, אז זי וועט גארנישט האבען, פון דעם וואס זי האט מגדל געווען דאס קינד. 'לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע', אזויפיל וועט ער אבער האבען פון איר, אז זי וועט אים מציל זיין מן החטא.

**כדי** צו ערציען א קינד, אז ער זאל אויסוואקסען ערליך, ווענדט זיך אסאך, ווי אזוי טאטע און מאמע פירן זיך אליין אויף. **אויב טאטע און מאמע פירן זיך אויף ערליך, עס איז משאו ומתנו באמונה, דאס רעדן איז איידל, און מען פירט זיך אויף איידל, מיט מדות טובות. און ווען מען האט צייט, זיצט מען און מען לערנט, דאס איז די עיקר חינוך וואס קינדער באקומען.** וואס מען לערנט אין חדר, איז נאר א קליינע חלק פונעם חינוך. דארט לערנט מען נאר אויס א קינד צו לערנען, מען לערנט אויס א קינד צו פארשטיין א בלאט גמרא. אבער ווי אזוי זיך צו פירען, און זיין מענטשליך וכדומה, קען מען דערקענען כמעט אויף יעדען איינעם, פון וואס פאר א שטוב מען קומט. אויף דעם וועג וואס די עלטערן פירען זיך, פירען זיך די קינדער. אויב דער טאטע איז נישט דערבייי, און ער פירט זיך נישט אויף, אויף דעם וועג וואס ער לערנט מיטן קינד, דאס איז נישט קיין חינוך.

**ווען** א טאטע איז מחנך א קינד, און ער זאגט אים, דו זאלסט וויסען, אז מען טאר נישט נאכגיין נאך תאות עולם הזה, און די וועלט איז הבל הבלים וכדומה, און מען דארף זיין ערליך, און מען דארף זיך קענען צוריקהאלטען פון א עבירה. פיין, דאס קינד הערט אויס, און ער איז עס מקבל. ווען דאס קינד זעהט אבער, אז דער טאטע נעמט א יפת תואר. ווי קומט עס צו דיר צו נעמען א גוי'טע אין שטוב אריין, ער האט זיך נישט געקענט צוריקהאלטען, וחשקת בה. אפילו די תורה האט אים מתיר געווען, אז ער קען איר נעמען. אבער דער טאטע קען שוין קיין סאך נישט רעדן צום קינד, און אים זאגען, אז א מענטש דארף זיך קענען מתגבר זיין אויף די תאוות, און ער דארף נישט נאכגיין נאך הבלי עולם הזה, ווען ער זעהט אז ער אליין, האט אריינגענומען אין שטוב זיין מאמע, וואס זי איז געווען א גוי'טע, ער האט איר

געטראפען במלחמה, און ער האט איר אריינגעברענגט אין שטוב.

**עס** איז נישט קיין עונש, אז ווען ער נעמט א יפת תואר, סופו וועט ער מוליד זיין א בן סורר ומורה. דאס איז אין טבע אזוי. אז דו נעמסט א יפת תואר, איז דאס טייטש, אז דו האסט צובראכען דיין שטוב. דו האסט מיט דעם געוויזען, אז ווען עס קומט צו א ענין פון א תאוה, קענסטו דיך נישט צוריקהאלטען. און אז דו קענסט דיך נישט צוריקהאלטען, ווי אזוי קענסטו נאכדעם בעטן פון דיין קינד, אז דיין קינד זאל זיך אזוי פירען. דאס איז א תוצאה. אז דו נעמסט א יפת תואר, איז סופו, וועט דיין קינד אויך זיין אזוי, און ער וועט אויסוואקסען א בן סורר ומורה. און ווען ער וועט דארפן האבען געלט, וועט ער גנב'ענען. ווען ער וועט דארפען האבען פלייש מיט וויין, וועט ער קויפן פלייש און וויין. און אז דער טאטע וועט אים פאַרהאלטען, פארוואס האסטו זיך נישט צוריקגעהאלטען פון גנב'ענען, פארוואס האסטו זיך נישט צוריקגעהאלטען פון עסן פלייש. וועט ער אים ענטפערן, דו האסט דיך אויך נישט צוריקגעהאלטען. און וואס קען דער טאטע פאַרהאלטען פארען קינד. און דער סוף וועט זיין, אז ער וועט מוליד זיין א בן סורר ומורה.

**ווען** מען מל'ט א קינד, ברענגט מען דאך אים אריין בבריתו של אברהם אבינו, עס איז א ברית צווישן יודען און דעם אייבערשטען. אין **רמב"ם** (מורה נבוכים ח"ג פרק מט) שטייט אז דער ענין פון ברית מילה, איז מחליש צו זיין די כח התאוה. קומט אויס, אז ווען ער ברענגט אריין זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, נעמט ער אוועק די תאוה פונעם קינד. און ער טוט אים מחנך זיין, אז א יוד דארף זיך לאזען פארגיסען בלוט פארן אייבערשטען. אויב דער טאטע אליין איז נישט געמל'ט, דער טאטע אליין איז געבליבען מיט זיינע תאוות, אזוי ווי ער איז, און ער פאר זיך אליין איז נישט נכנס לברית. און ער וויל מגדל זיין דאס קינד, אז דאס קינד זאל אריינגיין לברית, דאס גייט נישט. ווען א טאטע איז נישט אליין אין די מדרגה קען ער דאס נישט איבערגעבן פאר א קינד. האט די תורה אונז געלערנט, המל ימול, אז דו ווילסט מל'ן דיין קינד, דו ווילסט אריינברענגען דיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. דארפסטו קודם עס טוען ביי דיר אליין, און ווען דו וועסט זיין אליין געמל'ט, קענסטו מל'ן א צווייטען. מען קען נישט נעמען איינעם, וואס איז נישט געמל'ט, וואס ביי אים איז עס נישטא, און ער זאל דאס קענען משפיע זיין אויף א צווייטען.

## סיפורי צדיקים שנשמעו בסעודת מלוה מלכה

מוצש"ק פרשת כי תצא תשע"ג לפ"ק - מתוך הספר שיחתן של עבדי אבות

**פתח רבינו:** איך הנאה צו פארציילען פונעם **שינאווער רב**, ווייל מיינעביידע זיידעס, מיין טאטע'ס טאטע (הגה"צ מסערדאהעלי זצ"ל), און מיין מאמע'ס טאטע (**הגה"צ דומ"ץ מאקאווא זצ"ל**), זענען געווען תלמידים פונעם **ערוגת הבשם**, און זיי פלעגן ביידע צו פארען אויף שינאווע. און דעם **שינאווער רב'ס** מעשיות האבען א תועלת, ווייל ער איז געווען גרויס אין תורה, און ער איז געווען א גרויסער מדקדק בהלכה. און פון אלע זיינע מעשיות, קען מען זיך אראפלערנען א נקודה, ווי אזוי זיך צו פירען, וואס איז נוגע פאר יעדען איינעם.

*

**רבי שלום סופר זצ"ל**, דער **ברעזנער רב**, האט פארציילט, אז ער האט געהאט א חבר, וואס איז געווען א ברודער פונעם **חתן סופר**. און ער איז שפעטער געווען רב אין מיהאלאוויץ. און דער חבר האט אים דערציילט, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן, בעפאר ער האט געהאט די רבנות, האט ער אמאל געדארפט פארען וועגן א שליחות צום **שינאווער רב**, ער איז געווען א אשכנזי'ש קינד, און עס איז ביי אים געווען ווייט די הנהגה פון די חסידים, אבער ער האט געדארפט פארען אויספירען די שליחות, איז ער געפארען אויף ראש השנה. דער **שינאווער רב** פלעגט אריינצוקומען ערב ראש השנה צו התרת

נדרים, און ער פלעגט אליין ארום גיין צווישן דעם ציבור, אויסצוקלויבען צען מענטשען פונעם בית המדרש, וועמען ער האט גענומען מתיר צו זיין זיינע נדרים. און די חסידים פלעגן צו זאגען, אז וועם ער האט אויסגעקליבען, אז ער זאל זיין פון זיינע צען מענטשען צו התרת נדרים. דער פלעגט אין דעם יאר צו באקומען א התמנות פון א רבנות, אדער א דיינות. אזוי ווי ער האט זיי גערופן דיינים מומחים, האבען זיי באקומען א פאסטען.

**יענעם** יאר, ווען דער **שינאווער רב** איז אריינגעקומען, האט ער צוגערופן דעם יונגערמאן, וואס איז שפעטער געווארן רב אין מיהאלאוויץ. און די חסידים האבען אים געזאגט, אז דאס יאר וועט ער באקומען א רבנות פאסטען. און ער האט זיך אויסגעלאכט דערפון, ווייל ער האט געהאלטען דעמאלטס ביים מאכען א געשעפט, און ער האט ענדערש געזוכט מצליח צו זיין אין דעם געשעפט וואס ער האט געעפענט. צום סוף איז געווען, אז ער האט נישט מצליח געווען אין דעם געשעפט, און אין דעם יאר האט מען אים אויפגענומען אלץ רב אין מיהאלאוויץ.

*

**רבי איציק'ל** פלעגט צו זאגען, אז דער **שינאווער רב** פלעגט צו זאגען, אז ווען עס קומט א רבי, אדער א גוטער יוד אין שטאט, און מען גייט צום טיש, איז מען מקיים מיט דעם די מצוה פון הכנסת אורחים. כאטש געווענליך איז הכנסת אורחים טייטש, אז מען ברענגט אריין דעם אורח צו זיך אין שטוב, און דא גייט מען צו יענעם. האט ער געזאגט, אז דער הסבר דערפון איז, ווייל די מצוה פון אריינעמען א אורח אין שטוב איז, אז ער זאל זיך גוט שפירן. אבער אויב זיין כבוד איז, אז מען גייט צו אים, איז מען מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים, מיט דעם וואס מען גייט צום טיש.

*

**איינער** האט אמאל געפרעגט דעם **שינאווער רב**, צו מען מעג נעמען מעשר געלט, און אויסגעבן אויף די הוצאות צו פארען צו א רבי'ן. האט דער **שינאווער רב** געפרעגט, צו וועלכען רבי'ן ער וויל פארען. האט ער געזאגט, צום **שינאווער רב**. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, יא, אז מען וויל קומען צו מיר, קען מען אראפנעמען געלט פון מעשר. אבער נאר אויף די שפעזן קען מען אראפנעמען, אבער זיך צו קויפען א עליה לתורה פון מעשר געלט, האט ער נישט מתיר געווען. ער האט געהאלטען, אז סתם פאר א דבר מצוה טאר מען נישט אויסגעבן פון מעשר געלט, עס מוז זיין דווקא צדקה. אבער צו פארען צו א צדיק, און עס וועט האבען אויף אים א השפעה אויף זיין גאנץ לעבן נאכדעם, דאס האט ער געהאלטען, אז עס איז אזוי ווי צדקה, וואס א מענטש טוט פאר זיין נשמה. און מען מעג אויסגעבן דערויף געלט פון מעשר.

**והוסיף רבינו:** דער **מונקאטשער רב** ברענגט אין **דברי תורה** (מהדורא רבעאה אות ו), א ענליכע מעשה. אז ער האט געהערט פונעם **שינאווער רב**, אז ער האט געהערט פון זיין שווער דער **אריה דבי עלאי**, אז בעפאר ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פונעם **ישמח משה זי"ע**, האט ער געפרעגט דעם **רבי'ן פון לובלין**, צו ער מעג איבערלאזען די שטוב שנה ראשונה, און אוועקפארען צום רבי'ן. ווייל עס איז דא די מצוה פון נקי יהיה לביתו שנה אחת, ושמח את אשתו אשר לקח (דברים כד-ה). האט אים דער **רבי פון לובלין** געזאגט, צו מיר, קען מען קומען אפילו אין שנה ראשונה אויך.

**דער מונקאטשער רב** שרייבט דארט, אז דער **רבי פון לובלין** איז געווען מיוחד אין די מדה פון שמחה. און ער האט געהאלטען, אז ווען מען קומט צו פארען צו אים, וועט מען אהיים נעמען שמחה אין שטוב, איז עס א חלק פון די מצוה פון ושמח, וואס די תורה האט מחייב געווען.

*

**דער שינאווער רב** איז ארומגעפארען צו קענען אלע צדיקים אין זיין דור. ער האט מקבל געווען פון זיין רבי'ן דער **שר שלום פון בעלזא**, אז מקבל

מרות זיין, דארף מען פון איין רבי'ן, אז ער זאל זיין, זיין רבי. אבער מען דארף קענען אלע צדיקים פונעם דור. און דער **שינאוואר רב** איז ארומגעפארען צו קענען די צדיקים, און ער איז געפארען א שבת אויף סקווירא, צו **רבי איציק'ל סקווירער**. און די ערשטע שבת וואס ער איז דארט געווען, האט מען אים אויפגערופען עולה צו זיין לתורה, אין די תורה פונעם **בעל שם טוב**. דער סופר פונעם **בעל שם טוב** האט עס געשריבען. דער **שינאווער רב** איז געווען א שטארקער מדקדק אין הלכה, און ווען ער האט אריינגעקוקט אינעם ספר, איז אים נתעורר געווארן עפעס א שאלה אויף די ספר תורה. און תיכף ווען עס איז אים אריינגעקומען דער הרהור אין קאפ, האט דער **הייליגער סקווירער** מרגיש געווען, אז ער האט עפעס א פקפוק אויפן ספר תורה, און ער האט אים מפסיק געווען, און ער האט אים געוויזען, אז ער זאל נישט טראכטען דערפון. האט ער נישט געטראכט.

**ווען** מען האט גע'ענדיגט ליינען, בעפאר מען האט צוריק אריינגעלייגט די ספר תורה אינעם ארון הקודש, איז צוריק ארויפגעקומען פארן **שינאווער רב** דער הרהור, אז אפשר איז די ספר תורה פסול. און די מנהג איז, אז א ספר תורה וואס איז פסול, נעמט מען דעם גארטל, און מען דרייט עס ארום די מענטעלע פון אינדרויסען, כדי מען זאל האבען א הכיר, אז מען זאל נישט ליינען דערפון (מסכת סופרים ב-יא). אפילו מען האט יעצט געליינט אינעם ספר, אבער עס איז דא א חילוק, צו מען האט שוין ארויסגענומען די ספר, און מען האלט שוין אינמיטן ליינען, צו מען זאל ארויסנעמען נאכאמאל דעם ספר. האט ער געוואלט זאגען, אז מען זאל ארויפלייגען דעם גארטל אויפן מענטעלע פון אינדרויסען. און **רבי איציק'ל סקווירער** האט עס מרגיש געווען, און ער האט אים געזאגט, אז ער זאל זיך נישט טרויען צו פסל'ן דעם ספר תורה, ווייל אין **אבודרהם** איז מבואר, אז די ספר תורה איז כשר.

*

**ווען** דער **שינאווער רב** איז דארט געווען, האט ער שטארק פארגעהאלטען פאר **רבי איציק'ל סקווירער**, פארוואס ער איז זיך נוהג לויט די שיטה פונעם רבינו תם, אפילו לקולא. אז מען האט געטון א מלאכה ערב שבת, נאך די שקיעה. וואס לויט דעם רבינו תם קען מען טון א מלאכה, ביז דרייצן און א האלב מינוט פאר די צווייטע שקיעה, פאר צאת הכוכבים. און די וועלט פירט זיך לויט די גאונים, אז בין השמשות פאנגט זיך אן ביי ערשטע שקיעה. און דארט האט מען מקיל געווען, אזו ווי דער רבינו תם. און אין בעלזא האט מען מקפיד געווען, אז בנוגע שבת, זאל מען מחמיר זיין אזוי וויביידע שיטות, אזוי ווי מיר טוען. אז פרייטאג צו נאכטס איז דער זמן פאר די ערשטע שקיעה, און מוצאי שבת איז די זמן ביי צאת הכוכבים, נאך די צווייטע שקיעה. און **רבי איציק'ל סקווירער** האט אים פארגעהאלטען, פארוואס ער רעדט צו אים אזוי שטרענג וועגן דעם ענין, און ער האט אים געזאגט, אז ער דארף אים מפייס זיין, אויף דעם וואס ער האט אזוי גערעדט צו אים. און דער **שינאווער רב** האט אים נישט מפייס געווען, ווייל ער האט געהאלטען, אז ער האט גוט געטון.

**נאך** אסאך יארען, האט דער **שינאווער רב** געשיקט א פיוס, דורך איינע פון די חסידים, וואס איז געווען א מקורב, סיי אין שינאווע און סיי אין סקווירא. אבער דער בריוו איז אנגעקומען צו **רבי איציק'ל סקווירער**, נאכדעם וואס ער איז שוין נסתלק געווארן. און די מקורבים האבען געזאגט, אז פאר זיין פטירה, האט ער געפרעגט, צו עס איז נישט אנגעקומען א בריוו פון שינאווע. זעהט אויס, אז ער האט בחייו געוואלט אויסגראדען דעם סכסוך, וואס איז געווען צווישן זיי. רבי אלחנן שרייבט דא, אז בוודאי האבען זיי געמאכט שלמא ברקיע, און זיי האבען זיך מפייס געווען.

**והעיר רבינו:** אוודאי אזוי, אין הימל האט מען אנדערע חשבונות, ווי די חשבונות וואס מען האט דאהי. און דארט איז מען זיך גרינג מפייס, אויף דעם וואס מען האט זיך דא געקריגט.

*

**רבי נחמן כהנא פון ספינקא** האט פארציילט, אז ער האט געהאט א זיידע, דער **בריזדאוויץ'ער רב**. און אלץ בחור האט ער אים באדינט. און אויף די עלטער, האט אים זיין זיידע אמאל גערופן, און ער האט אים געזאגט, איך וויל דיר איבער געבן וואס פארא מדרגות עס איז געווען ביים **שינאווער רב**. איך בין אמאל געזעסן ביי זיין טיש, און על פי רוב איז ער געזעסן פארטראכט, און ער פלעגט נישט צו רעדן ביים טיש. און עס איז געווען אזא התעוררות ביים טיש, אז איך בין נתעורר געווארן עד כדי בכי, און איך האב אנגעהויבען צו וויינען. און נישט נאר איך, נאר איך האב געזען אז אלע וואס זענען געזעצן ביים טיש האבען אויך געוויינט. הלואי זאל איך האבען אזא התעוררות, ווען איך גיי אוועק פון די וועלט, ווי איך האב געהאט דעמאלטס, ווען איך בין געזעצן ביים **שינאווער רב'ס** טיש.

*

**דער שאצער רב אין לאנדאן** האט פארציילט, אז דער **שינאווער רב** איז אמאל געווען אין טורנא. פרייטאג צו נאכטס, ווען ער איז אריינגעקומען צום טיש, האט ער געזאגט די זמירות. און ווען ער האט געזאגט, והדלקתי נרותי, האט ער געגעבן א קוק אויף די ליכט, און ער האט געהייסען, אז מען זאל אריינרופען דעם בעל אכסניא. און ער האט אים געפרעגט, ווער האט געצינדען די ליכט. האט דער בעל הבית געענטפערט, אז דאס ווייב איז נישט געווען אינדערהיים, האט ער געצינדען די ליכט. האט ער אים געפרעגט, צו ער האט געמאכט א ברכה, ווען ער האט געצינדען די ליכט. האט ער געזאגט, ניין, ער איז נישט צוגעוואוינט צו צינדען די ליכט, האט ער סתם אנגעצינדען די ליכט.

**האט** דער **שאצער רב** געזאגט, ווי גרויס איז די כח פון צדיקים, אז ווען ער האט געקוקט אויף די ליכט ביי והדלקתי נרותי, האט ער געקענט דערקענען דערויף, אז עס האט געפעלט די ברכה אויף די ליכט.

*

**רבי יענקע'לע** האט פארציילט, אז איינע פון די גדולי החסידים פון צאנז, האט נאך די הסתלקות פונעם **דברי חיים**, געפרעגט **רבי דוד'ל קשאנובער**, צו וועם ער זאל פארען. ווייל דער **גארליצער רב** פלעגט צו רעדן אויפן **שינאווער רב**. האט אים דער **קשאנובער רב** געזאגט, דו זאלסט וויסען, אז דער חשוב'סטער פונעם טאטע'נס קינדער, איז דער **סטראפקובער רב**, דאס איז געווען דער **שינאווער רב**, וואס איז דעמאלטס ווען דער **צאנזער רב** איז אוועק, געווען רב אין סטראפקוב. און דאס וואס איך פאר נישט צו אים, ווייל מיר האט שוין דער טאטע איבערגעלאזט אויף דער וועלט מיט ווייסע האר, איך דארף שוין נישט פארען. אבער יונגעלייט וואס דארפען פארען, זאלען פארען אויף שינאווע.

*

**ער** ברענגט צו פון א יוד אין ירושלים, אז זיין פאטער האט אים פארציילט, אז זיין פאטער האט געוואוינט אין בודאפעסט. און דעמאלטס בימים ההם צו פארן פון פעסט אויף שינאווע, איז געווען א וועג פון דריי טאג. און ער האט געוואלט קענען דעם **דברי יחזקאל**, איז ער געפארען אויף שינאווע. ער איז געווען א בחור, וואס האט זיך געדארפט דעמאלטס שטעלען אין מיליטער, ער איז געווען א פעסטער בחור, א געשטעל, משכמו ולמעלה גבוה (שמואל א ט-ב), און ער האט מורא געהאט, אז מען וועט אים אריינגעמען אין מיליטער. האט ער זיך מזכיר געווען פארן **שינאווער רב**, אז ער זאל אים אנוואונטשען, אז ער זאל באפרייט ווערן פון מיליטער. האט ער אים געהייסען, אז ער זאל בלייבען אויף שבת, און ער זאל זיין נעבן אים ביים טיש.

**דער** יוד האט געהייסען חיים, און בשעת דער **שינאווער רב** האט געטיילט שיריים, ווען ער האט געוואלט געבען שיריים פאר דעם יוד, האט ער אים גערופן צדוק. צדוק קום אהער, וועל איך דיר געבן שיריים. און מען האט געזאגט פארן **שינאווער רב** אז ער הייסט נישט צדוק, נאר ער

הייסט חיים. און דער **שינאווער רב** האט אים אלץ גערופן צדוק. ביים אוועקפארען ווען ער איז זיך געגאנגען געזעגענען, האט ער אים ווייטער געזאגט, צדוק פאר געזונטערהייט. שפעטער ווען ער איז געגאנגען זיך שטעלן צום מיליטער, האט אים דער דאקטער געזאגט, דו ביזט צו-דיק, דו ביזט א פעטע מענטש, און מען קען דיר נישט נעמען אין מיליטער. האט ער פארשטאנען, אז דער **שינאווער רב** האט אים גערופן צדוק, כדי ממתיק צו זיין, אז ווען ער וועט קומען אין מיליטער, זאל מען אים זאגען, אז ער איז צו-דיק, און מען קען אים נישט נעמען אין מיליטער.

*

**רבי יענק'לע** האט פארציילט, אז דער **שינאווער רב** האט געהאט א זון, דער **צעשינוב'ער רב**. און ער איז געווען א איידעם ביים **רבי יהושע'לע**, דער **מיטעלע בעלזער רב**. און א שטיק צייט פאר דער **שינאווער רב** האט זיך משדך געווען מיטן **בעלזער רב**, איז געווען א פירוד לבבות צווישן דעם **שינאווער רב** און דעם **בעלזער רב**. און ווען זיי זענען געווארן מחותנים, און זיי זענען געקומען אויף די חתונה, האט דער שינאווער רב געזאגט פארן **בעלזער רב** דברי הקפדה, אויף די מחרחרי ריב וואס האבען אנגעפירט די מחלוקת צווישן אים מיטן **בעלזער רב**.

**און** דער **בעלזער רב** האט געוואלט ממתיק זיין די קפידה פונעם **שינאווער רב**. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז עס איז דא אהבת ריעים, און עס איז דא משוש דודים. אהבת ריעים איז א אהבה פון גוטע פריינד, וואס איז שטענדיג. און עס האט זיך נישט אפגעשטעלט. משוש דודים איז טייטש, אז מען איז געווען גוטע פריינד, און עס איז געווארן אינמיטן א הפסק פון די ידידות, און ווען מען בעהט זיך איבער, ווערט עס אנגערופן משוש דודים. און משוש דודים איז א העכערע מדריגה פון אהבת ריעים. אז עס איז געווען צווישן אונז א סכסוך, און מען האט זיך אויסגעגראדט, איז עס נאך בעסער, פון די אהבת ריעים וואס איז געווען פריער. אזוי האט געזאגט דער **בעלזער רב**.

**ענדיגט רבי אלחנן** צו, אז וועגן דעם וואונטשט מען ביי א חתונה, שמח תשמח ריעים האהובים. אז עס זאל נישט זיין קיין משוש דודים, מען זאל זיך קריגען אינמיטן, און זיך איבערבעטן, און נאכדעם זאל די שמחה זיין גרעסער. נאר עס זאל זיין שמח תשמח ריעים האהובים, די אהבה זאל זיין שטענדיג.

**והוסיף רבינו:** ער ברענגט דא צו וועגן די מחרחרי ריב, וואס האבען געפירט די מחלוקת, צווישן דעם **שינאווער רב** מיטן **בעלזער רב**. די וועלט זאגט, אז אין די שמונה עשרה, איז דא די ברכה פון השיבה שופטינו כבראשונה, און נאכדעם איז דא די ברכה פון על הצדיקים ועל החסידים, און אינמיטן איז דא די ברכה פון ולמלשינים אל תהי תקוה. ווייל לעולם וואלט געדארפט זיין די שופטינו מיט די צדיקים צוזאמען, איינס נעבן דעם צווייטען. נאר די ולמלשינים, זיי מאכען א הפסק אינדערמיט. צווישן השיבה שופטינו כבראשונה, מיט על הצדיקים, איז דא די מחרחרי ריב אינדערמיט.

*

**איינער** האט פארציילט, אז ער איז געווען ביים **שינאווער רב**, די לעצטע יום הקדוש. און מען האט געענדיגט נעילה, צען מינוט פארן זמן. און דער **שינאווער רב** איז אריינגעגאנגען אין שטוב, זיך אביסל אפרוען. און ביים זמן איז ער צוריקגעקומען דאווענען מעריב. און דער מעריב האט גענומען אנדערהאלבן שעה.

*

**א** סוחר איז אמאל געקומען צום **שינאווער רב**, און די גבאים האבען אים געזאגט, אז ער זאל יעצט אריינגיין צום **שינאווער רב**, ווייל יעצט איז א עת רצון, דער **שינאווער רב** איז גוט אויפגעלייגט, און ער קען פועל'ן וואס ער דארף. איז ער אריינגעגאנגען צום **שינאווער רב** זיך געזעגענען, און דער **שינאווער רב** האט אים זייער שיין אנגעוואונטשען, און ער איז ארויסגעקומען מיט א גרויסע ברכה. אינדרויסען

איז געווען איינער וואס האט חוזק געמאכט פונעם **שינאווער רב'ס** ברכה, און ער האט אים געזאגט, דו וועסט אזוי נתעלה ווערן, אזוי ווי יענער האט געהאט א מפלה. א צדיק האט געוואונטשען איינעם, אז ער זאל פארלירען זיין פארמעגן, און עס איז נישט מקויים געווארן. האט ער אים געזאגט, דיין ברכה וואס דו האסט באקומען פונעם **שינאווער רב**, איז אזוי ווי די קללה וואס יענער האט באקומען. און אזוי ווי יענס איז נישט מקויים געווארן, וועט דאס אויך נישט מקוים ווערן.

**וואס** איז געווען די מעשה, עס איז געווען א גביר, וואס **רבי אלימלך רודניק'ער** האט געהאט אויף אים א הקפדה. עפעס האט ער זיך נישט אויפגעפירט אזוי ווי מען דארף. און **רבי אלימלך רודניק'ער** האט אים געזאגט, 'האלטסט דיך גרויס אז דו האסט געלט, און דו ביזט א עושר, דו וועסט ווערן א יורד' ר"ל. און צום סוף איז ער געבליבען מיט זיין עשירות. און אויף דעם האט יענער געמאכט ליצנות, אז אזוי ווי יענער איז נישט געווארן קיין יורד, אזוי וועסטו נישט ווערן א עושר. און עס איז אנגעקומען צום **שינאווער רב**, דאס וואס יענער האט געזאגט. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, מען מאכט חוזק פון א קללת חכם. **רבי אלימלך רודניק'ער** האט געזאגט אז ער וועט זיין א יורד, און מען מאכט דערפון חוזק. א קללת חינם איז אפילו על תנאי הוא בא (מכות יא.). אויב אזוי מוז איך פארציילען די מעשה, וואס איז געווען.

**האט** דער **שינאווער רב** פארציילט אזוי, איך האב געדארפט פארען קיין רוסלאנד, כדי מסדר צו זיין א חליצה פאר מיין זון. [ער האט געהאט א זון רבי נפתלי, וואס איז אוועק אן קינדער, און זיין אלמנה האט געדארפט האבען חליצה]. און זי איז געווען אין רוסלאנד, און מען האט געדארפט האבען אסאך געלט צו פארען אויף רוסלאנד און צוריקצוקומען. און דער **שינאווער רב** האט נישט געהאט קיין געלט. האט ער געבעטען דעם נגיד, וואס האט געהאט די הקפדה פון **רבי אלימלך רודניק'ער**, צו ער קען אים געבן געלט אויף די הוצאות. האט ער אים געזאגט, אז ער וואלט זייער גערן געגעבן, אבער איך בין לעצטענס געווארן א יורד, נאר דו גאס ווייסט נאכנישט דערפון, און איך האב נישט קיין געלט, איך זאל קענען אויסלייגען. אבער אז דער **שינאווער רב** בעהט פון מיר, אז איך זאל אים פארשאפען דאס געלט, מען מיינט נאך אז איך בין א עושר, איך וועל זעהן צו פארשאפען דאס געלט, אבער ער בעהט אים, אז ער זאל אים בענטשען, אז עס זאל אראפגענומען ווערן די הקפדה פון **רבי אלימלך רודניק'ער**.

**האט** דער **שינאווער רב** געזאגט, איך קען נישט אראפ נעמען די הקפדה פון **רבי אלימלך רודניק'ער**, אבער טאמער ער וואלט ווען געוואוסט, אז איך וועל דארפען אנקומען צו דיר פאר א דבר מצוה, און דו וועסט נישט האבען, וואלט ער דיר אוודאי מוחל געווען. ער האט זיך געהאלטען אזוי נאנט מיט **רבי אלימלך רודניק'ער**, אז לכבודו פונעם **שינאווער רב**, וואלט ער מוחל געווען. ממילא האף איך, אז ער וועט דיר מוחל זיין, און דו וועסט צוריק נתעלה ווערן. און עס האט געהאלפען די ברכה פונעם **שינאווער רב**. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, חס ושלום אז מען זאל דערפון מתלוצץ זיין. דאס וואס **רבי אלימלך רודניק'ער** האט געזאגט, אז ער וועט ווערן א יורד, איז מקוים געווארן. נאר וואס דען, איך האב שפעטער מיט מיין ברכה און השתדלות, אים צוריק געשטעלט אויף זיין פלאץ.

*

**דער ראדומישלער רב** האט געזאגט, אז ער האט געהערט מפה קדשו פונעם **שינאווער רב**, אז מען זאגט פרייטאג צו נאכטס ביי די זמירות, ונהיה מכובדים בעיניך ובעיני כל רואינו, מיר זאלען זיין מכובד אין די אויגען פונעם אייבערשטען, און אין די אויגען פון מענטשען. מען דארף דאך זיין א בורח מן הכבוד (עירובין יג.), פארוואס איז מען מתפלל ונהיה מכובדים בעיני כל רואינו, מיר זאלן זיין מכובד אין מענטשען'ס אויגען.

**האט** דער **שינאווער רב** געזאגט, א רב אין זיין שטאט דארף האבען כבוד. דורך דעם וואס מען

איז אים מכבד, איז ער מכובד בעיני הציבור, און דבריו זענען נשמעים בעבודת ה׳, און ווען ער זאגט עפעס, נעמט מען עס אן. א ראש המשפחה, א טאטע, און א מאן אין שטוב, דארף ארויס ווייזען זיינע מעלות אקעגן די ווייב און די קינדער, כדי ער זאל ווערן געעהרט ביי די קינדער, און ער זאל זיי קענען מחנך זיין, און פירען א ערליכע שטוב. און דאס איז מען מתפלל ונהיה מכובדים בעיניך ובעיני כל רואינו, אז מיר זאלען זיין מכובד אין די אויגען פון די וואס זעהן אונז, כדי מיר זאלען קענען דורך דעם משפיע זיין ביי זיי אין עבודת ה׳.

*

**איינמאל** פאר קידוש, בשעת דער **שינאווער רב** איז צוגעקומען צו מודה אני לפניך וגו׳, ועם כל בריותיך בני בריתי. האט ער זיך אנגערופן, איינער וואס הערט נישט צו, צו א פסק פון א בית דין, איז נישט קיין בן ברית, און איך וויל נישט מיט אזא איינעם זיצען ביי איין טיש. זעהט אויס, אז ער האט באמערקט דארט איינעם וואס האט נישט געהאלטען קיין דין תורה, האט ער געזאגט, איך וויל נישט זיצען צוזאמען מיט אים, ער איז נישט קיין בן ברית. און די חסידים האבען פארשטאנען אויף וועם ער איז מכוון, און מען האט יענעם ארויסגעשיקט פון בית המדרש, און ער האט ווייטער ממשיך געווען צו זאגען די זמירות.

*

**ווען** דער **שינאווער רב** פלעגט פרייטאג צונאכטס ביי רבון כל העולמים, זאגען די ווערטער אדון כל הנשמות, פלעגט ער אויסציען די ווערטער מיט א גרויס דביקות. און דער **הייליגער אויסטראווצער** איז איינמאל געזעסן ביים **שינאווער רב׳ס** טיש, און בשעת ער האט געזאגט אדון כל הנשמות, האט געגעבן א געשריי, די רבי זאל אויך אינזין האבען מיין נשמה. ווייל עס איז געווען מקובל ביי די וואס האבען זיך געדרייט ביים **שינאווער רב**, אז ווען ער זאגט אדון כל הנשמות, איז ער עוסק בתיקוני נשמות, און עס קומען דעמאלטס צו אים די נשמות פאר תיקונים. און דאס האט דער **הייליגער אסטראווצער** געזאגט, אז דער רבי זאל זיך רעכענען אויך מיט מיין נשמה.

*

**רבי איציק׳ל** האט פארציילט, אז ער איז אמאל געווען אין שינאווע, און עס איז אנגעקומען א טאטע מיט א זון, פון די שטאט יאס, וואס איז אין די געגענט פון רוסלאנד. און דער זון איז געווען נישט נארמאל, עס איז אריין אין אים עפעס א רוח. און בפרט ווען עס איז געקומען צו דברים שבקדושה, האט ער זיך אויפגעפירט נישט שיין. און דער פאטער האט אים געברענגט צום רבי׳ן, אז ער זאל אים היילען, און דער **שינאווער רב** האט אים געהייסען, אז ער זאל זיצען נעבן אים בשעת ער זאגט קידוש, און ער האט אים געגעבן שיריים פונעם כוס. אזוי איז ער אפגעזעצן דארט זעקס וואכען. און נאך זעקס וואכען, איז דער חולה אהיים געגאנגען פולקאם געזונט.

**און** מען האט געפרעגט דעם קראנקען, די וואוינסט אזוי ווייט אין יאס, וואס איז דיר איינגעפאלען, צו קומען דא אהער קיין שינאווע. האט דער יוד געענטפערט, אז אסאך יארען איז זיין נשמה זיך מתגלגל אין די וועלדער פון סיביר, און ער האט איינמאל פרייטאג צונאכטס געהערט, ווי אזוי די ביימער רעדן צווישן זיך, זייט׳ס שטיל, ווייל דער **שינאווער רב** זאגט קידוש. ווען ער האט געהערט, אז ווען דער **שינאווער רב** זאגט קידוש, ווערן די ביימער שטיל, האט עס אים מעורר געווען, אז ער זאל קומען צום **שינאווער רב**, און ווען דעם איז ער געקומען.

*

**רבי יעקב׳לע** האט פארציילט, אז דער **שינאווער רב** פלעגט צו זינגען אלע זמירות, נאכדעם וואס מען האט געענדיגט די גאנצע סעודה. דער **סטראפקובער רב** פלעגט זיך אויך אזוי צו פירען. איינמאל האט דער **שינאווער רב**

געזאגט, פאר זיין איידעם רבי נפתלי רובין פון ווישניצא, פארוואס טוסטו נישט אזוי ווי די בעלי בתים, וואס זיי זינגען א זמר נאך יעדע מאכל. האט דער איידעם געזאגט, איך האב שוין פארשטאנען, אז א רבי וועל איך שוין נישט זיין. אז ער האט מיר געזאגט, אז איך זאל מיך פירען ווי די בעלי בתים, און זינגען זמירות צווישן איין מאכל און דעם אנדערן מאכל, האט ער מיר געפסל'ט פון זיין א רבי.

*

**רבי איציק'ל** האט פארציילט, אז דער **שינאווער רב** פלעגט נישט עסן קיין פיש, שבת בייטאג ביי די סעודה. ער זאגט נישט דעם טעם פארוואס. סוף ימיו האט ער משנה געווען, און ער האט אנגעהויבען צו עסן פיש ביי טאג אויך. האט ער געזאגט, אז ער האט נישט משנה געווען צו עסן די פיש שבת בייטאג, וועגן די פיש. נאר אזוי ווי אויף דער עלטער קען ער נישט קייען די כזית חלה, מוז ער האבען די יאך פון די פיש, כדי ער זאל עס קענען ווייעך מאכען, און וועגן דעם האט ער אנגעהויבען צו עסן פיש.

*

**רבי יענקע'לע** האט פארציילט, אז עס איז געווען צוויי ברידער'ס פון זיין משפחה, רבי איטשע מיט רבי משה לייזער, און זיי פלעגן צו קויפן בערג, און מען האט אויסגעהאקט דערפון שטיינער, און דאס פלעגן זיי צו פארקויפען. זיי האבען געהאט א ברכה פונעם **שינאווער רב**, אז זיי וועלן מצליח זיין. און זיי האבען געבארגט אסאך געלט אפצוקויפען די בערג, און פון דעם האבען זיי פארדינט.

**איינמאל** האבען זיי געקויפט א בארג, און עס איז נישט געווען קיין שטיינער אינעם בארג. און זיי זענען געשטאנען אין א סכנה, אז זיי גייען פארלירען דאס גאנצע פארמעגן וואס זיי האבען. און אז מען וועט נישט באצאלען פאר די בעלי חובות, וועלן זיי באקומען תפיסה, אדער וועלן זיי מוזען אנטלויפען קיין אמעריקא. איז זייער פאטער אריין צום **שינאווער רב** מיט א טענה, אז דער **שינאווער רב** האט זיי געגעבן דערויף א ברכה, און זיי זענען אריינגעפאלען, מיט דעם וואס זיי האבען געקויפט, און זיי שטייען אין א סכנה.

**האט** דער **שינאווער רב** געזאגט, עס שטייט אין פסוק (בראשית לא-מו) ויאמר יעקב לאחיו, לקטו אבנים. יעקב האט געזאגט פאר די ברידערס, קלויבט שטיינער. גייטס אהיים, און הייבט'ס אן נאכאמאל צו גראבען. האבען זיי אנגעהויבען צו גראבען, און זיי האבען געטראפען שטיינער, און זיי האבען פון דעם ווייטער מצליח געווען. און עס איז געווען א פלא, אז דער **שינאווער רב** האט געזאגט לקטו אבנים, האבען זיי געטראפען דארט די שטיינער.

*

**עס** איז מקובל, אז נאכדעם וואס דער **צאנזער רב** איז אוועק, זענען די יושבים פונעם **צאנזער רב**, אריבער געגאנגען צו **רבי שלמה'לע באבוב'ער**, ווייל זיין מדת פזרנות אין צדקה, איז געווען בדרך פון צאנז, און די יושבים זענען דאך געווען אנגעוויזען, אויף זייער געהאלט וואס זיי האבען באקומען פונעם רבי'ן, אזוי ווי כולל יונגעלייט. וועגן דעם זענען זיי געפארן אויף באבוב. דער **שינאווער רב** איז געווען זייער אויסגערעכנט מיט זיין געלט, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (כתובות נ.) אז מען זאל נישט מבזבז זיין יותר מחומש. און ער האט זיך געהאלטען צו דעם, אז מער פון א חומש זאל מען נישט מבזבז זיין. און דער **שינאווער רב** האט געפירט פונקטליך בוך, וויפיל ער האט פארדינט, און וויפיל צדקה ער האט געגעבן.

**רבי איציק'ל** האט געזאגט, אז ער האט געזען די פנקס צדקה פונעם **שינאווער רב**. און עס איז געווען אויפגעשריבען פונקטליך, וויפל צדקה ער האט געגעבן. און דער חשבון איז געווען אלץ אראפגענומען א חומש, א פינפטעל פון וויפיל ער האט באקומען. אבער ער האט שוין געהאט אויסגעלייגט דעם חומש פאר א פאר

יאר שפעטער. דאס איז טייטש, אז ער האט געגעבן מער פון א חומש, נאר ער האט זיך אויפגעצייכענט, אז ער גיט עס אויפן חשבון, אז ער וועט שפעטער פארדינען.

*

**רבי שלום אליעזר'ל פון ראצפערט**, האט אסאך יארען געהאט נאר טעכטער, און ער האט נישט געהאט קיין זון. און ער האט זיך מתנצל געווען פארן **שינאווער רב**, אז ער זאל אים אנוואונטשען אז ער זאל האבען א זון, ווייל ער וויל א נאמען געבען נאכן פאטער, דער **דברי חיים**. האט אים דער **שינאווער רב** געזאגט, דו וועסט האבען א טאכטער, און דו זאלסט איר א נאמען געבען 'חיה פראדל'. 'חיה' זאלסטו אינזין האבען דעם טאטען, וואס האט געהייסען חיים. און 'פראדל' איז א לשון שמחה, אז דו וועסט נאך מאכען שמחות, און דו וועסט זוכה זיין נאכדעם צו בנים זכרים. פון די חיה פראדל, איז געבוירין געווארן שפעטער דער **באבובער רב, רבי בנציון**. און נאכדעם וואס ער האט געהאט די טאכטער, האט **רבי שלום אליעזר'ל** געהאט מערערע זון.

*

**ווען** דער **ראדומישלער רב** איז געקומען וואוינען קיין קאשוי, איז געווען דארט דער רב, רבי יצחק צבי יונגרייז. און ער האט אים געזאגט, איר פארט דאך קיין שינאווע, וועל איך אייך דערציילען א מעשה, וואס איז געווען ביים **שינאווער רב**, דא אין די געגנט. ווען דער **שינאווער רב** איז געפארען אין די פרעמד, פלעגט ער אסאך מאל זיך מסתיר צו זיין, אז מען זאל נישט וויסען ווער ער איז. איינמאל איז ער אנגעקומען ערב תשעה באב, אין די שטאט שעניא. די שטאט שעניא, איז א דערפעל נעבן קאשוי. עס איז געווען צייטען, וואס יודען האבען נישט געטארט וואוינען אין די גרויסע שטאט, און זיי האבען געמעגט וואוינען נאר אין די געגנט. האבען יודען געוואוינט אין שעניא, און מען איז אריין געפארען אין די גרויסע שטאט, צו מאכען געשעפטען.

**אין** די אמאליגע צייטען, פלעגן די שוחטים אין די שטאט, זיין די מכניסי אורחים. ווען עס איז געקומען א גאסט, איז ער איינגעשטאנען ביים שוחט. ווען דער **שינאווער רב** איז אנגעקומען אהין, איז ער געגאנגען צום שוחט, און ער האט געפרעגט, צו ער קען דא איינשטיין. דער שוחט האט געזעהן א יוד מיט א פוילישע לבוש, אזוי ווי די גאליציא'נער יודען זענען געגאנגען, האט ער אים גערופן א 'פאלאק'. און ער האט אים נישט געוואלט אריינעמען. און ער האט אים געזאגט, גיי אריבער צום ראש הקהל, דארט קענסטו איינשטיין. איז ער אריבער צום ראש הקהל, און דער ראש הקהל האט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות. און ער האט אים צוגעגרייט א שיינע סעודה, און ער האט אים געגעבן א פלאץ צו נעכטיגן, און אלע הצטרכיות וואס ער האט געדארפט. זיי האבען נישט געוואוסט, אז ער איז דער **שינאווער רב**. צופרי' האט דער ראש הקהל געוואלט גיין דאווענען, האט ער אריינגעקוקט אינעם שטוב פונעם גאסט, האט ער געזען, ווי אזוי דער **שינאווער רב** זיצט פארטראכט ביים טיש. האט ער אריינגעקלאפט, און ער האט אים גערופן, אז מען גייט שוין דאווענען, און ער זאל קומען דאווענען. און ער האט געזען, אז די בעט איז נישט גערירט געווארן די גאנצע נאכט, די דעקע איז געווען, אזוי ווי עס איז געווען צוגעגרייט ביינאכט. האט ער פארשטאנען, אז ער מוז זיין א אדם גדול, און ער איז אויפגעווען א גאנצע נאכט, און ער איז געזעסן און געלערנט.

**ביי** קריאת התורה, איז דער שוחט געשטאנען ביים עמוד, און איינגעטיילט די עליות. האט דער ראש הקהל געזאגט פאר דעם שוחט, אז ער זאל געבען פאר זיין גאסט א עליה, ווייל ער איז א אדם חשוב. האט ער אים געפרעגט, ווי אזוי ער הייסט. האט ער געזאגט, **יחזקאל שרגא בן מורה מורינו רבי חיים**. האט דער שוחט געזאגט, יא, יעדער פאלאק ווערט א 'מורה מורינו', און ער האט אים אויפגערופן, בן 'החבר' רבי חיים.

**ווען** עס איז געקומען ביי נאכט, האט דער **שינאווער רב** צוזאמגעפאקט די פעקלעך, ווייל

ער פארט אריבער קיין קאשוי. דארט האט ער געהאט א פאר חסידים פון צאנז, און דארט האט ער שוין נישט געקענט באהאלטען ווער ער איז. האט מען מודיע געווען, אז דער **שינאווער רב** קומט אויף שבת קיין קאשוי. און דער שוחט מיט דעם ראש הקהל זענען אויך אריינגעפארען אין די שטאט, לכבוד דעם **שינאווער רב'ס** קומען.

**זיי** קומען אן קיין קאשוי, און זיי זעהן, ווי די גאנצע שטאט קומט ארויס מקבל פנים זיין דעם **שינאווער רב**. און זיי האבען געזען, אז דער גאסט וואס זיי האבען געהאט דא נעכטען, איז געווען דער **שינאווער רב**. דער שוחט האט נישט געוואוסט, וואס ער זאל דא טון, איז ער געפאלען צו די פוס פונעם **שינאווער רב**, און ער האט אים מפייס געווען, אז ער האט נישט געוואוסט, אז ער איז דער **שינאווער רב**. ווען ער וואלט ווען געוואוסט, וואלט ער אים מכבד געווען. און דער **שינאווער רב** האט אים אנגעשריגען, און ער האט אים געזאגט, 'און אז מען איז נישט **שינאווער רב**, דארף מען נישט אריינצונעמען א גאסט אין שטוב'.

**און** ער האט צוגעגעבן, ווען איך וואלט געווען דער רב אין דיין שטאט, וואלט איך נישט געגעסען פון דיין שחיטה. פארוואס, ווייל עס שטייט אין **אור החיים הק'** אויפן פסוק (דברים יג-יח) ונתן לך רחמים ורחמך, אז די מצוה פון עיר הנדחת איז, אז מען זאל הרגענען די גאנצע שטאט. זאגט דער הייליגער **אור החיים הק'**, דאס ברענגט דאך אריין אינעם מענטש א מדת אכזריות, הרג'ענען מענטשען. נאר די מצות פונעם אייבערשטען איז מגין, אז מען זאל נישט ווערן קיין אכזר. ונתן לך רחמים, דער אייבערשטער וועט דיר געבן רחמים, ורחמך. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, א שוחט האלט דאך אין איין שחט'ן בעלי חיים, ברענגט עס דאך ביי אים אכזריות. מוז ער עוסק זיין אין חסד, כדי עס זאל אים נישט שאדען, דאס וואס ער איז א שוחט. אבער א שוחט וואס שחט, און ער איז נישט עוסק אין קיין גמילות חסדים, איז ער א אכזר. און מען טאר נישט עסן פון זיין שחיטה.

**וסיים רבינו:** איך וועל צוענדיגען מיט א מעשה פונעם **שינאווער רב**, וואס איך האב אליין געהערט פון **רבי יענקע'לע**. איך בין געווען אמאל שבת (פ' חוקת תשל"ו) ביי **רבי איציק'ל זי"ע**. איך בין אויך אלץ יונגערמאן ארומגעפארען צו אלע רבי'ס, און איך בין געווען אויף א שבת ביי כמעט אלע צדיקים. און ביי **רבי איציק'ל** איז מיר נישט אויסגעקומען קיינמאל צו זיין. ער האט געוואוינט אין אנטווערפן, און איך האב געוואוינט דא. דאס לעצטע יאר זיינע, ער איז אוועק יום הקדוש (תשל"ז). זומער פארדעם בין איך געפארען קיין ארץ ישראל, בין איך געווען א שבת אין אנטווערפען. און דעם שבת איז **רבי איציק'ל** נישט געווען ביי זיך אינדערהיים, נאר ער איז ארויסגעפארען אויף די לופט, אין א שטעטל נעבן אנטווערפען, וואס האט געהייסען שולדא. עס איז געווען דארט אויף שבת א מנין מצומצם, און איך האב מיר איינגעבעטן, אז איך וויל אויך זיין דארט אויף שבת, און מען האט מיר געלאזט. ער איז שוין געווען שטארק חלוש, עס איז געווען א פאר וואכען פאר ער איז נסתלק געווארן. כמעט רוב שבת איז ער געלעגן אין בעט, ער האט געזעגנט דעם עולם אין בעט, און ער איז ארויסגעקומען נאר צו די סעודות.

**ביי** די סעודה האט **רבי יענקע'לע** פארציילט הויעך, און ער האט געזאגט. איך וועל פארציילען א מעשה, וואס איך האב געהערט פונעם שווער, פון **רבי איציק'ל**. אז ביי צדיקים ווען איינער האט נישט געהאט קיין קינדער, פלעגן זיי געבן א ביין פון די פלייש, מיט פלייש דערויף. ווייל 'ביין' מיט 'בן' איז די זעלבע לשון, אז מען זאל זוכה זיין צו קינדער. און ביים **שינאווער רב** איז געווען א יוד, וואס האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, און ביים טיילען שיריים האט אים דער **שינאווער רב** צוגערופן, און ער האט אים געזאגט, דא האסטו א ביין. נעבן אים איז געשטאנען א צווייטע יוד, וואס האט אויך נישט געהאט קיין קינדער. און ווען דער **שינאווער רב** האט דערלאנגט דעם ביין פאר יענעם יוד, איז געגאנגען דער שכן זיינער, וואס האט אויך נישט געהאט קיין קינדער, און ער האט ארויסגעכאפט דעם ביין פונעם

**שינאוועער רב'ס** הענט. האט דער **שינאוועער רב** זיך אנגערופן, דאס איז א געכאפט קינד. צום יאר האט דער צווייטער, וואס האט געכאפט דעם ביין, געהאט א קינד.

**האט רבי איציק'ל** געזאגט, אז שפעטער, ווען דאס קינד איז אויפגעוואקסען, איז ער יצא לתרבות רעה ל"ע. האט מען געזאגט, אז דער **שינאוועער רב** האט געזאגט, אז עס איז א געכאפט קינד. מען כאפט נישט, אז עס איז באשערט האט מען. אז מען כאפט א זאך וואס עס איז נישט באשערט, קען זיך עס אסאך מאל נישט אויסלאזען גוט ל"ע.

*

**עס** איז געווען זומער, און עס איז געווען א לאנגער שבת נאכמיטאג, דארט ווערט ערשט מוצאי שבת עלף אזייגער ביינאכט. און **רבי יענקע'לע זצ"ל** האט פארגעלערנט פרקי אבות, פאר דעם מנין יודען. עס איז געווען די פינפטע פרק, בעשרה נסיונות האבען אונזערע עלטערן מנסה געווען דעם אייבערשטען. האט **רבי יענקע'לע** געזאגט, אז די מפרשים פרעגן א קשיא, מען זאגט דאך, אז עס איז געווען א הייליג דור, א דור ווי עס איז געווען דער דור המדבר, וועט נישט זיין ביז ביאת משיח (זוה"ק ח"א רסא:). ווי אזוי קען זיין, אז זיי האבען עובר געווען אזויפיל עבירות, און מנסה געווען דעם אייבערשטען.

**האט רבי יענקע'לע** געזאגט, איך מיין, אז עס איז נישט קיין קשיא. אין פערציג יאר האט מען געטראפען אויף זיי צען עבירות. האט ער געזאגט, אין פערציג יאר זאל מען טון נאר צען עבירות, איז עס זייער א שיינער דור. איין עבירה אין פיר יאר, הייסט זייער א שיינער דור. הלואי זאלן מיר קענען זאגען, אז מיר האבען נישט מער פון איין עבירה אין פיר יאר.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**